6/20

I.

# יודישע כּתבים

## פון אַ וויַיטען קרוב.

M

68907

צווייטער טהייל.

## אימדיגעס אונד הייטערעס.

סצענען, שמועססען אונד קליינע מעשה'ליך.

געדרוקט

על ידי

מיכה יוסף ברדיצבסקי.

פערלאג „ליטעראַטור", וואַרשאַ.

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Literatur
zu
Jurjew (Dorpat).

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

Тип. „Универсаль", Лешно 31.
Варшава, 1912 г.

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Literatur
zu
Jurjew (Dorpat).

# סצענען און שפּיעלע.

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Literatur
zu
Jurjew (Dorpat).



I.

# שלום געוואָרען.

(אַ בילד.)

---

(די פאָדערשטע לאַנגע שטוב ביים שישקאָווער רב. קרי-סע, שוין לאַנג נישט געשמירטע ווענט. אין איינגעבויגענע סטע-ליע, צו דער גאַס אַ קליין פענסטערל, אויף דעם ליגט אַ צורי-סענער, אנגעשוואָלענער טלית ותפילין. נעבען דעם פענסטערל אַ טהיר אונטערגעשלאָגען מיט אַ רענדע. איין וואַנט איז פול מיט ספרים פון אונטען ביז אַרויף. ביי דער אַנדערער וואַנט, אַנטקעגען, שטעהט אַ לאַנגע הילצערנע באַנק אין פאַר דער באַנק שטעהט אַ לאַנגער נישט-פאָלירטער טיש צושניצט און באַלאַפּעט מיט טויזענד פלעקען. גאַנץ הינטען, אין דער הינטערשטער וואַנט, זענען דאָ צוויי טהירען. איינע פיהרט אין קיך אַריין צו דער רביצי׳ן, און איינע אין אַלקער אַריין, צום רב׳ס טאָכטער, וואָס זיצט אויף קעסט. פאַר דער באַנק מיט ספרים שטעהט נאָך אַ באַנק פאַר צדדים, וואָס קומען זיך לאָדען. און ביי דער וואַנט פון די ספרים איז אַ צווישענשייד צו אַנ׳אַנדער שטוב, וואָס דאָרט וואוינט דער חזן; דער חזן און דער רב פון שטאָדט וואוינען בשותפות אין איין הויז. ס׳איז אלול-צייט. דרויסען איז נאָך שטאַרק זומערליך. אַ ציג, וואָס האָט געמאַכט און דער פריה אַ קרום פנים און איז דערפאַר נישט געגאַנגען אין טשערעדע אַריין, ליגט אין אַ ווינקעל און שלאָפט. פון דרויסען הערט מען אַ

קול: יודען, קויפט קאוואנעס, צווײ קאוואנעס פאר דרײַ גרישען.

אויף דער באַנק פאַר'ן טיש זיצט דעם רב'ס א י י ד ע ם אַ יונגער מאַן מיט רויטע אויגען און אַ ציגען בערדעל און מישט אין אַ חשן-משפט; אויבען-אָן אויף אַ פראָסט בענקעל זיצט דער רב אַליין, אַ בן-שבעים מיט אַ גרויסען שטאַרקען בויך, אַ ברייט פנים און קליינע אויגען מיט קורצע ברעמען. אָנגעטאָן איז ער אין אַ כאַלאַט, וואָס איז פאָרענט גאַנץ אָפען, און עס זעהען זיך אַרויס די תחתונים. אין איין האַנד האַלט ער אַ לאַנגע לולקע און רויכערט און פאַר איהם אויפ'ן טיש ליגט שולמאַן'ס אַ ביכעל...

עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַרײַן פ י צ י דער מיהלנער, אַ יוד פון אַ יאָהר פערציג, מיט אַנ'אָבגעגעסען בערדיל, שוין אַ ביסעל גרוילעך, מיט נאַסע ווייסע אויגען און קרומע הענד; אָנגעטאָן איז ער ווי אַ קבצן מיט אויסגעדרעהטע שטיוועל, אָבגעשאָטען מיט מעהל).

---

ד ע ר ר ב (אין ביכעל קוקענדיג): וואָס ווילסט דו, פיצי?

פ י צ י: רבי, איך וויל מיך גט'ן מיט מײַן ווײַב.

ד ע ר ר ב: זעץ דיך.

פ י צ י: רבי, איך זאָג דאָך אײַך אויף דער אמת'ן. סע דערקוטשעט מיר ביז אין האַרצען אַרײַן.

ד ע ר ר ב: וואָס-זשע ווילסט דו?

פ י צ י: וואָס וויל איך זאָגען, איהר קענט אודאַי מײַן ווײַב חיה ביילעס טאָכטער?

ד ע ר ר ב: הויב נישט אָן מששת ימי בראשית. פאַר וואָס ווילסט דו זיך גט'ן?

פ י צ י (קראַצט זיך): איך ווייס, אַז אַ יוד וויל זיך גט'ן, מסתמא ווייס ער.

ד ע ר ר ב (קלאַפּט אויס די לולקע און לעגט אָן נײַעס טיטון): נישקשה, דערצעהל ווײַטער.

פּיצי: סי נישטאָ וואָס צו דערצעהלען. מיר ווילען אונז ביידע גט'ן, אַזוי האָבען מיר אונז ביידע אָבגערעדט.

דער רב (צינדט זיך אָן די לולקע און סמאָקעט געשמאַק): אוואו איז זי?

פּיצי: יאָ, רבי, איהר פאַרשטעהט, זי איז ביי דער אויסגעגעבענער טאָכטער, זי וויל זיך באַוואָרענען, און איך וויל מיך באַוואָרענען. איטליכער מענש שטעהט זיך אליין נעהנטער. אָבער איך זאָג אייך, אדנער האָט אַ מענש; יאָ, אַז מען לעבט, דערלעבט מען, אַז איינער וואָלט מיר געזאָגט נאָך מיט אַ יאָהר צוריק, אַז איך וועל זיך אויף דער עלטער גט'ן מיט'ן ווייב, וואָלט איך איהם געגעבען אַ שפּיי אין פּנים.

דער רב (רוקט אוועק דאָס ביכעל אָן אַ זייט און הויבט אויף דעם קאָפּ צו פּיצי'ן): זאָג דעם אמת, טאָמער חלומ'ט זיך דיר אַלץ.

פּיצי: איך זאָל אַזוי ריין זיין פאַר גאָט, ווי איך שטעה ריין פאַר אייך.

דער רב: ווער שמועסט פון ריין, דער עיקר איז, אַז אַ מענש זאָל ניט דולען אומזיסט אַ קאָפּ. ווילסט דו זיך גט'ן, מוזט דו רעדען אַנדערע ווערטער, ווילסט דו נישט, בעדאַרף איך נישט אויסצוהערן.

פּיצי: וואָס דען בין איך צו אייך געקומען?

דער רב (נעהמט אַרויס אַ רויט טיכעל און שנייצט זיך די נאָז גרינגדליך.)

---

(פון דער הינטערשטער טהיר קומט אַריין אַ יונגעל פון אַ יאָהר זעקס אין אַ צוריסענער אַלטער קאַפּאָטע און אויסגעשמירט, ווי פון קוימען און זאָגט צום יונגען מאַן, וואָס הערט שוין נישט מעהר פּיצי'ן און איז כלומרשט אַריינגעטאָן אין דער תורה): טאַטע, איך האָב מיר איינגעשניטען מיט אַ מעסער.

דער יונגערמאַן: געה צו אַלדע רוחות; טאָמער האָב איך מיך אַנידער געזעצט לערנען, קומט ער צונעהן און לאָזט נישט צו רוה.

פיצי (צום יונגען מאן): דאס איז אייער יונגעל, יוחנן?

דער יונגערמאן. יא, מיט לעבען און געזונד.

דאס יונגעל: טאטע, קום אהער, וועל איך דיר ווייזען, ווי איך האב מיך צוקאליעטשעט.

דער יונגערמאן: ווער האט דיך געהייסען זיך שפילען מיט א מעסער?

דאס יונגעל (פארוויינט): גיב מיר א קאפיקע אויף וואַרימס.

דער יונגערמאן: א מכה!

דאס יונגעל: דו האסט דאך צוגעזאגט מיר צו געבען.

דער יונגערמאן: אז דו געהסט נישט אוועק, וועל איך דיר ברעכען די ביינער.

(דאס יונגעל וויינט. עס לויפט אריין די מוטער, א ווייבעל פון א יאהר דרייסיג, א הויכע און א דארע מיט א קאסינקע אויפ'ן קאפ): וואס איז שוין ווידער?

דער יונגערמאן: נעהם איהם אוועק פון דאנען.

די מוטער (צום יונגעל): געה אוועק פון איהם, א טאטע איז דאס, א רוצח!

(דער יונגערמאן ווערט רויט פאר כעס און פערבייסט די ליפען).

דער רב (צו דער טאכטער): קינדער, קריגט אייך נישט. ברענג מיר בעסער א פאר עפעל, איך ווארט שוין אויף זיי אפשר א שעה און קיינער קומט נישט.

דאס ווייבעל: באלד (געהט אוועק מיט'ן יונגעל).

דער רב (צו פיצי'ן): וואס ביסט דו געבליבען שטעהן?

פיצי: (שפארט זיך אן ביים טיש און זאגט): רבי, ווילט איהר זי שיקען רופען?

דער רב: וואו וואוינסט דו דען היינט?

פיצי: וואו אמאל, נעבען דער מיהל.

דער רב: איז פערהאן גענוג וואסער?

פיצי: וואסער איז דא גענוג, אבער קיין קארן איז נישטא.

דער רב: סי דא קארג קארן אויף דער וועלט?

פיצי: ארעס קויפט אלץ אויס...

דער רב: זאג מיר, איך בעט דיך, וואס קומט דיר דאס אוים גראד אצינד, אז סע געהט צו ראש השנה און ימים טובים, זיך צו וועלן גט'ן.

פיצי: ווינטער האב איך אודאי קיין צייט נישט.

דער רב: און פארוואס ווילסט דו זיך גט'ן?

פיצי: וויים איך? ליעב האבען מיר זיך קיינמאל נישט געהאט.

דער רב: ווער שמועסט פון ליעב, אז דו זיצט אב מיט א ווייב דרייסיג יאהר, קענסט דו שוין זיצען ווייטער.

פיצי: הלואי וואלט איך דאס אויך נישט געוועזען געזעסען.

דער רב: האסט נאך חרטה אויפ'ן גאנצען שדוך.

פיצי: אודאי האב איך חרטה, אבער ס'איז פארפאלען, ד. ה. פארפאלען איז נאר דאס, וואס איז געוועזען, אבער אצינד וויל איך איהרער פטור ווערן.

דער רב: און זי דיינער.

פיצי: אזוי זאגט זי.

דער רב: און וואס זאגסט דו?

פיצי: איך זאג, אז א יוד האט א שלעכט ווייב, מעג ער זיך לעבעדיגערהייד בעגראבען.

דער רב: דו קריכסט מיר צו ווייט אין חקירות. איך פרעג דיך באמת, ווילסט דו זיך גט'ן מיט דיין ווייב פלונית בת פלונית? ווארום אז זי קומט און זאגט יא, מוז איך מקבל קנין זיין:

פיצי: טוט מיט מיר: וואס איהר ווילט רבי, אבי זייט מסדר דעם גט.

דער רב: זעקס קערבליך מיר און דריי דעם סופר מוזט דו געבען.

פיצי: סע זענען היינט שלעכטע צייטען.

דער רב: דערפאר בעדארף איך טאקע צו האבען.

**פיצי: נײַן קערבלעך איז הײַנט בײַ מיר אַן׳עשירות.**

---

(פון קיך קומט אַרײַן דאָס דינסטמײדעל אָנגעטאָן נישט אַזוי שבת׳דיג, אָבער מיט רויטע באַקען און שוואַרצע האָר, אַז סע ברענט. זי שטעלט דעם רב אַנידער אַ טעלער מיט רויטע עפּעל און אַ טעלער).

**דער רב:** וואָס וועט הײַנט זײַן צו וועטשערע?

**דאָס מײדעל:** עסיג־פלייש.

**דער רב:** טו אַרײַן ראָזינקעס.

**דאָס מײדעל** (קוקט אויף פיצין און אויפ׳ן יונגערמאַן און גייט).

**דער יונגערמאַן** (שרײַט איהר נאָך): ברענג מיר אַהער אַ גלאָז וואַסער.

(דאָס מײדעל דרעהט זיך אום פון שוועל און זאָגט): נעהמט אײַך אַלײן.

**דער יונגערמאַן:** אַן עזות. (דאָס מײדעל געהט אוועק.)

**דער רב** (שײלט די עפּעל, עסט איינעם נאָכ׳ן אַנדערן. אַז ס׳קומט צו אַ ווערימדיגען עפּעל, זאָגט ער): אַ דור, גאָר קײַן רעכטס האָבען זיי נישט הײַנט.

**פיצי:** זאָל איך געהן זי אײַך שיקען?

**דער רב:** אַז דו ווילסט געה, אָבער פאַרגעס נישט צו קומען געזעגענען זיך. (פיצי געהט אוועק)

**דער יונגערמאַן:** שווער, איך האָב דאָ אין ש״ך אַ שווער שטיקעל.

**דער רב:** איך האָב אין די יונגע יאָהרען גענוג גע־לערנט, אַציינד מוטשע דו זיך.

**דער יונגערמאַן:** יאָ, הײַנט ליגען אײַך אין קאָפּ מליצה־ביכלעך.

**דער רב:** איך מוז אין זייערע זאַכען אַרײַנקוקען, כדי צו זעהן ווי דאָס איז פּוסט.

**דער יונגערמאַן:** דאָס ווייס איך, חאָטש איך האָב דאָס נישט געלייענט.

**דער רב:** דאָס ווייסט דו נישט; לשון קענען זיי.

דער יונגערמאַן: וואָס איז דער חדוש, אַז מע גיט זיך אָפּ דערמיט, קען מען.

דער רב: עס וואָלט דיר אויך נישט געשאַדט זיך אַבּיסעל אָבצוגעבען מיט דעם. איך בין פון דער אַלטער צייט. דו ביזט אַ יונגערמאַן און הײַנטיגע יאָהרען מוז מען קענען צום עסק שרײַבען...

דער יונגערמאַן: דאָס וועט איהר בײַ מיר נישט פּועל'ן.

דער רב: מײַנעטוועגען. אָבער לײַה מיר אַ דרײַערל.

דער יונגערמאַן: איך האָב קיין חשק נישט.

דער רב: אָבער עסען ווילסט דו.

דער יונגערמאַן: דאָס איז ווערט דער פּראָצענט, וואָס איהר זײַט מיר שולדיג.

דער רב: הלואי, וואָלטען אַלע דײַנע חובות געווען אַזוי גוט, ווי בײַ מיר.

דער יונגערמאַן: איהר קענט אײַך אויף מיר פאַרלאָזען, איך פערשטעה שוין ווען צו געבען.

דער רב: יאָ, אָבער די וועלט ווייס, אַז דו שנײַדסט זיך אויף אַ רב און דו קענסט נישט אָבזאָגען.

דער יונגערמאַן: פון דעסטוועגען שענק איך זיי נישט.

דער רב: גיב אַהער דאָס דרײַערל. דו מיינסט, איך האָב שוין פאַרגעסען.

דער יונגערמאַן: ביז ווען?

דער רב: ביז איך וועל מסדר זײַן דעם גט בײַ פּיצי'ן און פאַרדיענען די זעקס קערבליך.

דער יונגערמאַן: פאַר די זעקס קערבליך גיב איך נישט קיין זעקס גראָשען.

---

(עס קומט אַרײַן די רביצי'ן. אַ הויכע יודענע פון אַ יאָהר זעכציג; זי

האַלט אין האַנד אַ קויטיגע האַנדטוך און ווישט אַ גלאָז . זי זאָגט צום רב) :
משולם, גיב אַהער צוויי קערבליך .

דער רב : נעהם דיר ביי דעם איידעם דיינעם .

דער יונגערמאַן : איהר זויגט מיך אויס .

דער רב (שטעהט אויף און מאַכט איהם צו דעם ש״ך) : נעהם אַרויס דעם טייסטעריל ?

דער יונגערמאַן : גזלנים, ריינע גזלנים .

דער רב : עפען אויף דאָס טייסטערל , לאָז נישט אַן אַלט מענש שטעהן אויף די פיס .

דער יונגערמאַן : דאָ אין שטוב וועט פון מיר קיין לייט נישט ווערן . (שלעפּט אַרויס פון קעשענע דריי איינצעלנע פּאַ-פּיערענע קערבליך און בעקוקט זיי גוט .)

די רביצי׳ן : גיב אַהער דאָס געלד .

דער רב : וואָס זי זעהט, מוז זי באַלד האָבען .

(די ציג חאַפּט זיך אויף און הויבט זיך אָן צו טרייסלען , דריי שוואַרצע הינער פליהען אַריין און הויבען זיך אָן צו שלאָגען) .

דער רב : קיש , קיש.

דער יונגערמאַן : אַקיש , קיש , קיש .

די רביצי׳ן (ווייל זיי חאַפּען) : אַקיש , קיש , קיש .

---

(די דינסט ווייזט זיך אין טהיר) : רביצי׳ן , סי געקומען אַ גוי מיט קאַרפּען .

דער רב (צו איהר) : געה גיך . (זיי געהען ביידע אוועק).

דער יונגערמאַן : שווער , איך מיין , אַז סי שוין צייט געהן דאַווענען מנחה .

דער רב : איך וויל בעסער דאַווענען אין דערהיים .

דער יונגערמאַן : און תפילה בציבור ?

דער רב : איך האַנדעל נישט מיט קוויטלעך און בעדאַרף נישט צו געהן אין בית מדרש אַריין .

דער יונגערמאַן : איהר ווילט מיר געבען אַ שטאָך ?

דער רב : אַן איידעם מעג מען אַלץ זאָגען .

דער יונגערמאַן: אין אַ שווער אויך.

דער רב: זאָג.

דער יונגערמאַן: וואָס איך האָב צו זאָגן, האָב איך שוין געזאָגט.

דער רב: דו מיינסט אנקעגען דעם, וואָס איך לייען די ביכלעך...

דער יונגערמאַן: דאָס איז אודאי נישט קיין מעלה פאַר אַ רב.

דער רב: דערפאַר וועלן זיי האָבען אין דיר אַלע מעלות.

דער יונגערמאַן (שווייגט).

דער רב (גייט צו צו דער שאַפע ספרים, נעהמט ארויס א לאנגען צוריסענעם גאַרטעל און גאַרטעלט זיך צו).

דער יונגערמאַן: נו, וועל איך אויך דאַווענען אין דערהיים. (ער גאַרטעלט זיך צו מיט א רויטער פאַטשיילע און שטעלט זיך ביים פענסטער אָן א זייט, וואָס גייט אויף דער גאַס, לעהנט זיך אָן אָן טיש די עלענבויגען אויפ'ן פענסטער און מאַכט כלומר'שט, ווי וועהן ער דאַווענט. דער יונגערמאַן זאָגט קטורת און צעהלט די ווערטער. דער רב דרעהט זיך אום און גיט אויף איהם א קוק. ס'ווערט טונקעל).

---

(ס'קומט אריין א יודענע פון א יאָהר פערציג אָנגעטאָן א ביסעל שבת'דיג; א שוואַרץ קלייד און א געל טיכעל אויפ'ן קאָפ): גוטען אָבענד! (קיינער ענטפערט איהר נישט. זי זעצט זיך אנידער פאַר דער שאַפע ספרים און וואַרט).

דער רב (שטילערהייד): דאָס מוז זיין יענעמס ווייב. (ער דאַווענט ווייטער).

דער יונגערמאַן (האַלט אין דער שמונה עשרה און שאָקעלט זיך און וואַרפט זיך אין ביידע זייטען).

(פון דער וואַנט צווישען דעם רב'ס און דעם חזן'ס שטוב הערט מען א שטן קול פון א באַס. דער יונגערמאַן שאָקעלט זיך אלץ שטאַרקער).

די טהיר עפענט זיך ווידער און פּ. י. צ. קומט אריין, דערזעהט זיין ווייב, און בלייבט שטעהן א ווייַלע ביי דער טהיר. דערנאָך געהט ער פאַמעלעך ווייטער אין שטוב אריין.

(די יודענע רוקט זיך אויף דער באַנק און קוקט אָן אַ זייט. פּיצי בלײַבט ווידער שטעהן און קוקט אויף זיין ווײַב. פון דער וואַנט פאָהרט ווידער אַרויס אַ סאָפּראַן. פּיצי דרעהט דעם קאָפּ). —

**דער יונגערמאַן** (זאָגט אַרויס העכער): ולמלשינים אל תהי תקוה.

**די יודענע** (רוקט זיך אַלץ אויף דער באַנק. פּיצי וויל צו איהר צוגעהן; די יודענע זיצט אַראָבגעלאָזט די אויגען)...

**פּיצי** (געהט צו איהר צו): זאָג נישט אויס דעם רב, הערסט? (די יודענע שווײַגט). איך בעט דיך, זאָג נישט אויס. (די יודענע הויבט נישט אויף דעם קאָפּ).

(דאָ הערט זיך ווידער פונ'ם חזן'ס שטוב דאָס קול פון אַן אילט: „ונתנה תוקף קדושת היום", על פי ניסי בעלזער, און אַן אַנדער קול הערט מען: אויך דאָס אייגענע מיט מעהר מתיקות, און דער באַס ברומט צו אַזוי טיעף, אַזוי צום האַרצען. די יודענע טוט אַ זיפץ. דער אילט הויבט ווידער אָן. ס'ריהרט אין האַרצען מורא'דיג).

**פּיצי** (צערודערט פון זינגען, צום ווײַב): גע͏ה אַהיים. ס'וועט אַלץ זיין גוט.

**די יודענע** (האַלט זיך צו דאָס טיכעל פאַר די אויגען און גיט אַ כליפּ).

**פּיצי** (צופּט זיך בײַם ליפּ): איך בעט דיך, געה אַהיים, געה אַהיים, (ער ציטערט אַוש).

**די יודענע** (הויבט זיך אויף פּאַמעלעך און פאַרלאָזט די שטוב. דער רב איז אויסגעגאַנגען שמונה עשרה, דער יונגערמאַן בייגט זיך בײַ מודים. פּיצי שטעהט אין מיטען שטוב, עס ווערט פינסטערליך. דער רב שפּײַט שוין בײַ עלינו. די דיענסט טראָגט אַרײַן אַן אָנגעצונדען ליכט אין אַ לײַכטער און שטעלט עס אַנידער אויפ'ן טיש).

**דער רב** (דרעהט זיך אויס צו איהר): וועט באַלד פאַרטיג זיין?

**די דיענסט**: סע קאַלט.

**דער רב** (צו פּיצי'ן): וואו האַלט עס?

**פּיצי** (פערשעהמט): רבי...

**דער רב**: מיר דאַכט זיך, זי איז דאָ אַוועקגעגאַנגען.

**פּיצי**: יאָ, רבי. האָט קיין פאַראיבעל נישט.

דער רב: זי איז דאך אָבער דאָ געווען, וואס האָט זי געוואָלט?

פיצי: גלויבט מיר, רבי, זי איז נישט שולדיג. איך בין אליין שולדיג, איך אליין.

דער רב: צו וואס ביסט דו אָבער געקומען?

פיצי: וואס־זשע זאָל איך טאָן, רבי?

דער רב: איך מוז דיך קנס'נען פאר וויטער.

פיצי: האָט מיט מיר רחמנות.

דער רב: שוטה איינער, דיין שטוב וועל איך ביי דיר נישט אוועקנעהמען, אָבער אויף בראָנפען מוזט דו געבען און פארבייסען.

פיצי (קראצט זיך): איך וויים, רבי...

דער רב: גיב אהער צוואנציג קאָפּיקעס אויף בראָנפען און פינף אויף פלעצליך.

פיצי: רבי, נאָט אייך א גילדען.

דער רב: ווילסט זיך נאָך דינגען?

פיצי: שלעכטע יאָהרען...

דער יונגערמאַן (ווייל זיך קויפען פיצי'ן): איך וועל צו־לייגען.

דער רב: איך האָב ליעב, אז דו ווערסט א ותרן.

פיצי (לייגט אנידער צוואנציג קאָפּיקעס אויפ'ן טיש).

דער רב: וואָרט, ביסט נאָך נישט פטור, מוזט אליין געהן קויפען.

פיצי (נעהמט דאָס געלד פון טיש און געהט צו דער טהיר).

דער יונגערמאַן (אייּלט איהם נאָך, און שטופּט איהם ארײַן אין האַנד פינף קאָפּיקעס): דאָ האָט איהר אויף פלעצליך (פיצי געהט אוועק).

דער רב: דאָ האָסט דו שישקאָווער הכנסות...

דער יונגערמאַן (ציהט אָן דאָס זייגערל): אונזער חזן האָט שוין אָנגעהויבען מאַכען משוגע...

II.

# פאַר'ן בית־דין.

(צווייטעס בילד).

---

## די פערזאָנען:

דער רב, שלמה נימן.
דער בעל־טכסה, יואל.
דער ערשטער שוחט, לייבוש בער.
דער צווייטער שוחט, חיים יונה.
פדהצור, דער שמש.
חלף, איין אַלטער קצב.
וואָלף מאָטעל, אַ צווייטער קצב.
שמעון, אַ יונגער קצב, דער בעל־עברה.
אסתר מחליה, אַ יונג־ווייביל ) עדות'טעס.
היה, איהר שוויגער )
זעקס קצב'ישע יונגען.

עס שפּיעלט אין לאַדיזשענקע, אַ יודיש שטעדטעל אין דער אוקראַינע, אינ'ם ערשטען צעהנדליג פון XIX יאהרהונדערט.

---

(אַ גרויס חדר פונ׳ם לאָדיזשענקער רב׳ס שטוב, שענע געקאַכעלטע ווײַסע ווענט, דרײַ פענסטער געהען אַרויס אויפ׳ן גאַס, פערהאָנגען מיט ווײַסע, האַלבאויפגעצויגענע פאָרהאַנגלעך; אַרום אַ לענגליכען פּאָלירטען טיש שטעהען עטליכע געפּלאָכטענע בענקלעך. אין ביידע עקען פון שטוב שטעהען צוויי גרויסע שאַפעס מיט ספרים. אויף דער לינקער וואַנט העננגט אַ גרויסער אַלטמאָדישער זייגער, אויף דער רעכטער וואַנט אַ קעגען העננגען צוויי עסע־לאָמפען פון מעש. די הינטערשטע טהיר פיהרט אויפ׳ן גאַס. אין דער זײַט איז נאָך אַ טהיר, וואָס פיהרט אין קיך אַרײַן).

(אויף אַ בענקעל אויבענאָן בײַם טיש׳ זיצט דער רב, שלמה׳ניסן, אַ ערך פון פינף און פערציג יאָהר אַלט, אַ יונג גלאַט פנים, אומראַהמט פון אַ שוואַרצען קײַלעכיגען באָרד. די באָרד איז אויסגעקעמט, די פאות זענען פאַרקרײַזעלט, ער טראָגט אַ גוטע שוואַרצע קאַפּאָטע און אַ שענעם קאַפּעלוש. אויפ׳ן פנים ליגט אַ האַלבער ערנסט. נעבען איהם פון דער לינקער זײַט זיצט יואל דער בעל־טכסה, אַ יונג פון אַ יאָהר זעכציג מיט אַ גרוי קליין בערדיל, ער טראָגט אַ זײַדענעם קאַשקעט און אַ ווײַסען געפּרעסטען קאָלנער. ער איז אַרײַנגעטאָן מיט׳ן רב אין אַ שמועס).

דער בעל־טכסה: וואָס־זשע מיינט איהר, זאָל זײַן?

דער רב: און וואָס האַלט איהם פון דעם עסק?

דער בעל־טכסה: איהר מיינט שמעונ׳ען, וואָס מ׳זאָגט, אז ער האָט פערקויפט טרפה־פליייש, איך ווייס? —

דער רב: די שטאָדט קאָכט איבער דעם, מ׳מוז איהם קנסנ׳ען.

דער בעל־טכסה: קודם מוז מען דערגעהן די זאך.

דער רב: וואַרט, באַלד וועט זײַן גבית עדות, אָבער אָהן גבית עדות, ווייס איך אויך גוט, ווי אַזוי ס׳פיהרט זיך בײַ אונז אין די יאַטקעס...

דער בעל־טכסה: לאָדיזשענקע איז נישט ערגער פאַר אנדערע שטעדט, קצבים זענען אומעטום קצבים...

דער רב: דאָ בין איך אָבער דער רב און אויף וועמען פאַלט דער אחריות?

דער בעל-טכסה: חער טשעפּעט אייך דען!

דער רב: אייך איז גוט, מיר אָבער קומט אויס, אז צו זיין אויף מיין אָרט, הייסט צופּערקויפען די נשמה.

דער בעל-טכסה: דערפאַר האָט איהר אַ רוהיגען קאָפּ.

דער רב (מיט פערדראָס): איהר האַלט מיך אַ פּנים פאַר אַ עושר.

---

(ס'עפענט זיך די טהיר פון גאַס און ס'קומט אַריין חלף דער קצב, אַ גרויסער און אַ שטאַרקער יונג אין וואַטאָווע הויזען, וואָס זענען אַריינגעטאָן אין די שטיוועל און בלישטשען פאַר פעטס. ער טראָגט אַ קורץ פעלצעל און אַ אָבגעריסען היטעל מיט אַ דאַשעק. ער טוט זיך אַ זעץ אויפ'ן בענקעל, אַז ס'גיט אַ טראַסק).

דער קצב: גוט נ'אָבענד. זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איהר מיך נעשיקט רופען? מיינט איהר, אַז חלף ווייסט נישט, חלף ווייסט גוט. (צום בעל-טכסה): איי, רבי יואל, אייך זעהט מען גאָרנישט; ביז וואַנען וועל איך ביי אייך שטעהן אויף דער דריטער שורה, אַז איך וועל שיקען נאָך קוויטלעך צום קוילען? אויף אונזערע צוויי שוחטים, די כפּרה זאָלען זיי ווערן, וויל איך נישט רעדען. איך זאָג אייך, לאָדיזשענקע קען זיך איבערנעמען מיט איהרע כלי-קודש... (גיט זיך אַ האָפּ צום רב) אייך, רבי, כ...ין איך נישט; אַז איהר וואָלט נישט געוועזען אונזער רב, וואָלט איך מיט אייך געהאַלטען. (ער זוכט עפּעס אין דער בוזעם-קעשענע; צום בעל-טכסה): איך האָב געמיינט, איך האָב דאָ דאָס ביכעלע, וואָלט איהר געזעהן, וויפיל ס'שטעהט פאַרשריבען; איהר מאָהנט מיך אַ רובל מיט זעכציג קאָפּיקעס איבעריג. אַזוי פיעל, ווי אייער נאמן זאָגט, האָט דאָס פלייש נישט געוואויגען. אייערע נאמנים און אייער וועגען: אויפ'ן לויט איז דאָס, ווי זאַפראַן.

**דער בעל־טכסה**: פארקויפט בעסער פלייש אהן ביינער.
**דער קצב**: נעהמט אייך נאר נישט אן פאר׳ן קהל.

---

(די טהיר פון גאס עפענט זיך ווידער און ס׳קומט אריין וואלף מאטיל, א מאגערער אויסגעטריקענטער קצב, קויטיג אנגעטאן און ברוגז׳ליך).

**וואלף מאטיל**: גוטען אבענד, גוטען אבענד אייך; איז שמעון שוין דא געווען? (ער שטעלט זיך אנידער ביי׳ם פענסטער רעכטס און דרעהט די קלאמקע).

(די טהיר, וואס פיהרט אין קיך אריין, עפענט זיך אויך און ס׳קומט אריין חיים דער שוחט, א יוד אין א לאנגער קאפאטע, צוגעגארטעלט מיט א גארטעל. אויפ׳ן קאפ טראגט ער א נ׳אלטען קאפעלוש, דער גוף זיינער איז איינגעבויגען און שאקעלט זיך ביי איטליכען טריט, ער האלט פאר זיך די הענד, וואס פון זיי טריפט דאס וואסער, געהט צו צום האנטוך, ווישט זיך אב די הענד און זאגט הויך: אשר יצר).

**חלף** (דרעהט זיך אום מיט דער פלייצע צום רב): **א רב חיים.**

**דער רב** (הויבט זיך אויף פונ׳ם בענקעל, בויגט זיך איבער׳ן טיש און ציהט חלפ׳ן ביי׳ם אקסעל): חלף, ביי מיר אין שטוב מאכט נישט אייערע שטיקלעך...

**חיים** (האט זיך אבגעווישט די הענד, געהט צו צום טיש און זאגט צום רב): איהר זיצט אייך דא ווי אויף א „כוררות“, איך בין נישט געשלאפען די גאנצע נאכט...

**חלף**: האבען אייך געביסען די פליי? (דער רב ווינקט ווידער צו חלפ׳ן).

---

(די טהיר פון דרויסען עפענט זיך ווידער. ס׳קומט אריין דער אנדערער שוחט, **ליביש בער**, א ציכטיגער יוד מיט א געשטופעלטען פנים. געהט זיך פאמעליך, ער טראגט געפוצטע שיך און ריינע ווייסע זאקען. ער ווינקט איטליכען מיט׳ן קאפ, נעהמט

זיך אַ בענקעל און זעצט זיך צווישען דעם רב און דעם בעל טכסה).

ליבוש בער: דער חתן איז נאך נישטאָ, שמעון איז שטענדיג ביי זיך דער מיוחס.

---

(ס'הערן קולות פון הינטער דער טהיר; די טהיר עפענט זיך און ס'גיט זיך אַ שיט אריין אַ שטיק זעקס קצבים, גרויסע יונגען מיט הִיטלען, אָנגעטאָן אין קורצע גוי'שע פעלצליך און גרויסע שטיוועל. זיי בלייבען שטעהן ביי דער טהיר און דישען זיך פאר לאכען; דער פערערשטער יונג מיט אַ רויטען פלעק אויף דער באק און אויפ'ן האלז, רופט זיי צו: זייט שטיל!)

דער רב: אַ וואו איז שמעון?

דער יונג מיט'ן רויטען פלעק (טרעט נעהנטער): רבי, שמעון וועט באלד קומען.

חלף הויבט זיך אויף, געהט צו צו די יונגען און שמועסט מיט זיי שטילערהייד. אַ יונג, וואס שטעהט הינטען, לאכט און האלט זיך צו דאס מויל.

---

(די טהיר עפענט זיך ווידער און ס'קומט אריין פדהצור דער שמש, אַ גרויסער לאנגער יוד, מיט אַנ'אָבגעגעסענעם געלען בערדעל, אַנ'אויסגעשמירטע קאפאטע מיט צוויי לאטעס אויף ביידע ארבעל).

דער שמש (שטופט זיך דורך די יונגען): לאזט מיך, יונגאטשעס. (ער געהט צו צום טיש): רבי, איך בין שוין געוועזען ביי איהר זי רופען; זי שעמט זיך צו קומען.

ליבוש בער: וואס הייסט, זי וויל נישט, זי מוז דאך זיין צום גבית עדות, זי האט דאך געקויפט דאס טרפה פליש.

דער בעל-טכסה (צו זיך): ס'ברענט אין איהם די יראה.

דער רב (צו פרחצור'ן): גיה און רוף זי נאך אמאל.
(דער שמש געהט צוריק צו דער טהיר. די יונגען צופען איהם ביים ארבעל).

---

(אין דער טהיר טרעפט זיך דער שמש צוזאמען מיט מאיר'ן דעם נאמן, זיי ווינקען זיך צו, מאיר קומט ארײן. א יוד אין א רויט-ליכען חאלאט מיט גרויסע קעשענעס).

דער נאמן: גוטען טאג? גוטען טאג! (ער פרובט צו אימ-ליכען א ביסעל צו לאכען. ער געהט צו צום פענסטער לינקס און שפארט זיך אן, ער נעהמט ארויס עפעס פון קעשענע און קײט).

---

(די טהיר עפענט זיך ווידער און ס'קומט ארײן שמעון, א שטארקער קצב פון א יאהר דרייסיג, מיט א פעסטען גאנג. ער איז צוגעגארטעלט מיט א גרינעם גוי'שען גארטעל און אויפ'ן קאפ טראגט ער א שמײסען היטעל. מ'זעהט עס איהם אן, אז דאס איז א מענש, וואס ווערט פאר קיינעם נישט בטל. ער געהט צו נעהנטער און שטעלט זיך אנידער נעבען חלפ'ן).

דער רב (רוקט זיך אויפ'ן בענקעל און הויבט אן, ווי איינער, וואס האט זיך אויסגעלערנט אויסווענדיג): ווייסט דו, שמעון, וואס די שטאדט איז דיך חושד? —
(חלף קוקט אויפ'ן רב).

שמעון (האלט די האנד ביים עק טיש און זאגט): וואס איז מען מיך חושד?

דער רב: אז דו האסט פערקויפט טרפה פלייש פאר בשר'ס.

שמעון: וועמען האב איך דאס פערקויפט דאס טרפה פלייש?

דער רב: אסתר מחלי'ס.

שמעון: אט דער!

דער רב: יאָ, דער.

שמעון: דאָס איז נישט אמת.

דער רב: איך האָב זי געשיקט רופען. זי וועט דיר דאָס זאָגען אין פנים.

שמעון: מילא, וואָס זי וועט זאָגען.

חיים דער שוחט (מישט זיך אַריין): פאַר וואָס זאָל זי אויף דיר אויסטראַכטען?

שמעון (הויבט אויף די אויגען אויף איהם): איי׳ער ווייב האָט ביי מיר נישט לאַנג גענומען אַ פוס אויף שבת, און זי האָט גאָר קיין מורא נישט, טאָמער איז ער טרפה.

חיים (פרובט צו ווערן אין כעס): שמעון, ביזט אַנ׳עזות-פנים.

---

(די טהיר עפענט זיך ביי נייעס און ס׳קומט אַריין אַ יונג וויי־בעל, עפּעס שעמעריג. זי קוקט זיך אַרום אין שטוב. אַלע קו־קען אויף איהר).

דער רב (צום ווייבעל): קומט אַהער נעהנטער.

מאיר (גיעהט צו איהר צו פונ׳ם פענסטער): וואָס האָט איהר מורא.

דאָס ווייבעל (גיעהט צו פאַמעליך צום טיש).

דער רב: האַלט איהר נאָך דערביי, אַז שמעון האָט אייך פערקויפט טרפה פלייש.

דאָס ווייבעל: מוז איך דאָס זאָגען נאָך אַמאָל, אַז ס׳געוועזען פונ׳ם זאָרעק?

דער רב: איהר מוזט איהם דאָס זאָגען אין די אויגען.

דאָס ווייבעל: יאָ.

דער רב (צו שמעונ׳ען): פאַר וואָס פאַרענטפערסטו זיך נישט?

שמעון: איך האָב זיך נישט וואָס צו פאַרענטפערן; דאָס ווייבעל קאָן זיך טועה זיין, זאָרעק-פלייש פערקויף איך נישט קיין יודען...

דער רב; זײַ זיך בעסער מודה, וועט עס זײַן גרינגער פאר דיר.

שמעון: איך האָב מיך נישט וואָס מודה צו זײַן.

דאָס ווײַבעל: רבי, קען איך שוין גײַהן?

דער רב: וואַרט נאָך אַביסעל, טאָמער דאַרף מען אײַך נאָך.

שמעון (נעהמט אַרויס אַ טאַבאַטשניצע, מאַכט זיך אַ ציגאַר און פערראַוכערט איהם).

דער רב (צו שמעונ'ען): שמעון, רויכער נישט.

שמעון (רויכערט ווײַטער).

דער רב: דו מעגסט זײַן אַ תקיף, אָבער קהל איז קהל, און אַז מ'וועט אויסרופען אין קלויז, אַז בײַ דיר טאָר מען נישט קויפען קײַן פלײַש, וועט מען נישט קויפען.

שמעון: איהר ווילט מיך אַ פּנים לעגען אין חרם אַרײַן.

דער רב: אַז ס'וועט קומען דערצו — יאָ.

שמעון: דערפאַר האָבען מיר, גאָט זײַ דאַנק, אַ פּריסטאַוו.

דער רב: דו ווילסט מסר'ן?

שמעון: איך בעדאַרף אײַך נישט צו מסר'ן, איך בעדאַרף נאָר צו זאָגען, אַז איהר האָט מײַן יאַטקע געלעגט אין חרם און דאָס טאָר מען נישט על פּי סוד.

דער רב: און על פּי דין טאָר מען נישט פערקויפען קײַן טרפה פלײַש פאַר קײַן כשר'ס, דערפאַר זענען מיר יודען.

---

(די טהיר עפענט זיך, ס'קומט ווידער דער שמש, מ'זעהט איהם אָן, אַז ער האָט שוין געגומען אַ נײַעם טרונק בראָנפען; נאָך איהם טרעט אַרײַן חיה אסתר'ס שוויגער, אַ אַלטע יודענע, אײַנגעבויגען מיט אַ גרויסען שאַל אויפ'ן קאָפּ. די יונגען קנײַפּען זיך).

דער רב: זײַט איהר חיה!

חיה: אזא הונט פערקויפט מיין שנור א שטיק טרפה פלייש. דער מלאך המות זאל אזוינע קצבים קענען; קארג דראַבעס גע  ן ארום שבת אויסגעפוצט מיט די מיידען, מוזען זיי נאך מאכען טרפה די שטאדט, און איהר זייט א רב און שווייגט.

די יונגען (דישען זיך).

דער רב: שאט, שאט!

ליבוש בער צום רב: טאמער גיעט איהר מיר רשות חיה'ן אויסצופרעגען?

(איינער פון די יונגען שיסט אויס א געלעכטער).

ליבוש בער (הויבט זיך אויף און בייזערט זיך): איהר פערגעסט, אז איהר זענט ביי'ם רב אין שטוב.

(איינער פון די יונגען רופט אויס): קוקט איהם נאר אן, גאט'ס גנב.

דער רב: וואס איז דאס פאר א תנועות?

די יודענע: רבונו־של־עולם, וואס האבען מיר דערלעבט, וואס זענען דאס פאר'א צייטען?

שמעון (צו דער יודענע): וויפיעל זענט איהר אלט, חיה?

חיה (פערוואונדערט): וויפיעל? זעכציג יאהר.

שמעון: איהר זענט שוין ביי צייטען עובר־בטל.

דער צווייטער שוחט: הולטאי איינער, דו ביסט מביש אנ'אלט מענש.

דער יונג מיט'ן רויטען פלעק (געהט צו צו איהם): אונטערשטעהט אייך נישט צו מישען.

דער שוחט: שנץ איינער, ביסט אנ'עזות ומחוצף פנים, איך וועל דיר נאך ווייזען, אז יש דין בישראל.

דער יונג מיט'ן רויטען פלעק (גיט איהם א חראק אין פנים).

די יודענע (שפרינגט אויף).

(ס'ווערט א גערודער, דער רב, דער ערשטער שוחט, דער בעל טכסה, דער נאמן, אלע הויבען אן צו שרייען: וואס ווילט איהר דא האבען, וואס איז דאס פאר א וועלט? ווער שפייט א יודען אין פנים? וואס איז דאס?)

דער צווייטער שוחט (טויט־בלאס פאר כעס): מיר, מיר,

מיר ! (ער ווישט זיך אָב מיט דער פאטשיילע דאָס שפּײַעכץ). מיר װעלן, מיר װעלן אויף אײַך גוזר זײַן...

שמעון (שלעפּט חלף׳ן) אַ גוטען טאָג אײַך, זײַט גוזר, אַז ס׳גלוסט זיך אײַך.

(אַלע קצבים פערלאָזען אין איינעם די שטוב, אין המוצאל הויבען זיי אָן צו זינגען אַ גוי׳ש ליעדעל. מ׳הערט פון װײַטען זייער קול)...

III.

# די שבועה.

(א סצענע).

---

### פערזאָנען:

דער רב.

די רבי'צין.

ערשטער יוד.

צווייטער יוד.

דריטער יוד.

דעם רב'ס קינדער.

די שכנים פון גאס.

---

(די שטוב פון לעטיטשעווער רב. א גרויס הדר פול מיט שאַפעס ספרים. פון דער רעכטער זייט געהט א טהיר צום גאַס. דער רב, א בייכיגער יוד אין די מיטעלע יאָהרען, זיצט מיט דער רבי'צין און צוויי קינדער ביים טיש, וואָס איז געדעקט נאָר צוויי דריטעל, זכר להורבן. אויפ'ן אַנדערען עק טיש ליגט א גמרא. זיי עסען אָנביימען. אַלע לעפלען קוילוש פון איין גרויסער שיסעל, וואָס סע געהט א פּאַרע פון איהר. אין דרויסען איז א יריד, מי הערט דאָס פאָהרען פון וואָגענס און דאָס געשריי פון גוים. ס'איז זומער. ס'עפענט זיך די טהיר און סע קומען אַריין דריי יודען זיך לאָדען).

---

דער ערשטער יוד: רבי, האָט קיין פּעראיבעל נישט, אַז מיר שלאָגען אייך איבער דאָס עסען, ס'איז היינט א יריד, און מיר האָבען קיין צייט נישט.

דער רב: ניש-קשה. (צו דער רבי'צין, א ריינע יודענע מיט א געל טיכעל אויפ'ן קאָפּ): ס'איז וועניג געזאַלצען...

די רבי'צין: נאַ, טו אַריין זאַלץ.

דער צוויטער יוד: רבי, הערט מיך אויס, ער טשעפּעט זיך צו מיר אומזיסט.

דער דריטער יוד (צום צווייטען): זיי קיין נאַר נישט, משה.

דער צוויטער יוד (צום דריטען): דו מיש זיך נישט. ווער האָט דיך געבעטען?

דער רב (לעגט אַוועק דאָס לעפיל, ווישט זיך אָב דאָס מויל מיט'ן האַנד): קריגט אייך נישט, יודען. דערצעהלט בעסער, וואָס האָט איהר מיט איינאַנדער.

דער ערשטער יוד: איך האָב א דין-תורה מיט דעם יודען (ווייזט אויפ'ן צווייטען).

דער צוויטער יוד: א שענע דין תורה. טאָמער איז

הײַנט אַ שטיקעל יריד, זאָל איך איהם אָנווערן פון זײַנעטוועגען. אַ רײַן אָנשיקעניש אויף מיר!

דער רב (צום צווייטען יודען): שלאָגט נישט איבער, איך בעט אײַך, אַז איך וועל אויסהערן אײַנעם, וועל איך אויסהערן דעם אַנדערען.

דער צווייטער יוד: ס'נישטאָ וואָס אויסצוהערן, ס'פּוסטע זאַכען, רײַנע בלבולים!

דער ערשטער יוד: זאָל טאַקע דער רב אויסהערן די בלבולים...

דער רב (צו די קינדער): גיט אַהער מים־אחרונים־וואַסער. (דאָס עלטערע יונגעל לויפט אין קיך אַרײַן און ברענגט אַ האַלב גלאָז וואַסער. מ'שווענקט זיך די שפּיץ נעגעל).

דער צווייטער יוד: איך האָב קײַן מורא נישט. מענסט דערצעהלען (ער זעצט זיך).

דער רב (צום צווייטען יודען): שטעהט אויף, זײַט מוחל. אײַן בעל דין טאָר נישט שטעהן און דער אַנדערער זיצען (ער בענשט. מ'הערט די ווערטער: הזן ומפרנס. די יונגלעך ברומען נאָך).

דער ערשטער יוד: הערט מיך אויס, רבי. איך בין הײַנט געקומען צו פאָהרען אופן יריד, האָב איך געהאַט בײַ מיר הונדערט און דרײַאונאַכציג קערבליך פּאָזיטען: צוועלף צעהנערליך, צעהן פינפערליך, פיר דרײַערליך און אײַן אײַנציג קערביל. דאָס האָב איך אַלץ געהאַט צונויפגעלעגט אין אַט דעם טײַסטער (ער נעהמט אַרויס אַ שוואַרצען לעדערנעם טײַסטער). געצאָהלט האָב איך דרײַ מאָל. אַזוי ווי איך כסדר, אַז איך פאָהר אויפ'ן יריד, און אײַנגעשריבען האָב איך אַלץ אין אַט דעם ביכעלע (ער נעהמט אַרויס אַ קלײַן ביכעלע און לייענט): דאָנערשטאָג פּרשה קרח הונדערט און דרײַאונאַכציג קערבליך פּאָזיטען און צוויי און אַכציג קאָפּיקעס קופּער. דעם קופּער האַלט איך דאָ אין קעשענע. איך האָב געמוזט געבען אַ רובל מיט צעהן קאָפּיקעס אויף האָבער האָב איך אַרויסגענומען דאָס אײַנע קערביל און צעהן קאָפּיקעס.

דער צווייטער יוד: וואָס נעהט מיך אָן דער גוי דײַנער מיט'ן האָבער?

דער דריטער יוד: לאָז איהם אויסרײדען.

דער צווייטער יוד: שווייג, פּאַסקודניאַק, וואָס שטופּסט דו דאָס מויל, אַז מען בעט דיך נישט.

דער ערשטער יוד (דערצעהלט ווייטער): איז געקומען יונה, אַט דער יוד (ווייזט אויפ'ן דריטען) און האָט בײַ מיר אויסגעביטען אַ צעהנעריל און אַכט פינפערליך דערנאָך האָב איך געקויפט בײַ אַט דעם יודען (ווייזט אויפ'ן צווייטען יודען) אַ קוה און האָב בעצאָלט זעכציג קערבליך, און האָב איהם אויסגעצאָהלט זעקס צעהנערליך, מוז מיר דאָך איבערבלייבען נאָך זיעבען. זאָגט ער צו מיר אויך: בײַט מיר אוים איין צעהנעריל אויף צוויי פינפערליך, מוז איך דאָך האָבען זעקס פינפערליך און אַכט צעהנערליך, האָב איך אָבער פערגעסען צוריקצונעהמען דאָס צעהנעריל . . .

דער צווייטער יוד: רבי, ס'איז אַלץ ליגען! איך האָב גאָרנישט גענומען צו מיר דאָס זעקסטע צעהנעריל. ער האָט מיר באַלד געגעבען פינף צעהנערליך און צוויי פינפערליך. והא ראיה, צעהלט מײַן געלד (ער לעגט אַנידער אַ בינדעל פּאַפּיר געלט אײַנגעוויקעלט אין אַ טיכעלע): איך האָב לויטער דרײַערליך און אײַנצעלנע קערבליך, צוויי פינפערליך און פינף צעהנערליך.

דער ערשטער יוד (וויל חאַפּען דאָס געלדפון טיש).

דער צווייטער יוד (לעגט זיך אָן אויפ'ן טיש און פערדעקט מיט די עלענבויגען דאָס געלד): בײַ מיר איז נישטאָ חאַפּען.

דער רב קאָנטשעט דאָס בענטשען: שלאָגט אײַך נישט, יודען (צו דער רבי'צין) נעהם צו פונ'ם טיש.

דער דריטער יוד (צום רב): איהר זעהט.

דער רב (צום ערשטען יודען): טאָמער האָט איהר אײַך טועה געווען און איהר האָט געהאַט מתחלה וועניגער מיט אַ צעהנעריל.

דער ערשטער יוד: ס'טײַטש רבי, ווי אַזוי קען איך מיך טועה זײַן, אַז איך האָב איבערגעצעהלט דאָס דרײַמאָל און איך ווײס גוט, וויפיעל איך האָב עס גענומען בײַ יענקיל כ״ץ און פערשריבען שטעהט בײַ מיר אויך . . .

דער צווייטער יוד: מאַלע, אַז דו האָסט בײַ דיר פֿערשריבען, ווער גלויבט דיר!

דער דריטער יוד: איך בין אַליין געשטאַנען דערבײַ.

דער צווייטער יוד (צום דריטען): דײַן עדות איז ווערט בלאָטע. דיך קען מען קויפען מיט אַ טרונק בראָנפען.

דער דריטער יוד (צום רב): זײַט אַ עדות, רבי, אַז ער איז מיך מבזה און מבזה.

דער צווייטער יוד (צום דריטען): איך בעט דיך, ווער האָט דיך גערופען, זאָלסט קומען. אײַנער איז מיר ווייניג...

די רבי'צין (רוימט אָב פון טיש. זי שלאָגט זיך אָן און וואַרפט אַראָב אַ טעלער, ער ווערט צעבראָכען): אַ קלאָג צו מיר, דער צווייטער שאָדען די וואָך. (אַלע דרײַ יודען בויגען זיך אײַן און קלויבען אויף די שערבליך).

דער רב: לאָז זײַן, מ'וועט שוין אויפקלויבען. (צו די יונגלעך): פאַרוואָס געהט איהר נישט אין חדר אַרײַן, פוסטאָ־פאַסניקעס?

דאָס עלטערע יונגעל: ס'איז הײַנט אַ יריד בײַם רבי'ן.

דאָס יונגערע יונגעל: און בײַ מײַן רבי'ן רײַבט מען הײַנט מאַכאָרקע און ס'ברענט אין די אויגען.

דער רב (צו די יונגלעך): געהט אַרײַן אין יענער שטוב און חזר'ט איבער פונ'ם חדר. (די יונגלעך געהען אַוועק).

דער צווייטער יוד: רבי, נאָ, וויל איך אַצינד טענה'ן. אין תוך אַרײַן האָב איך גאָרנישט צו טענה'ן. ס'אַלץ ליגען, שקר וכזב!

דער רב: ווײַסט איהר זיכער, אַז איהר האָט בײַ אײַער בעל דין נישט איבערגענומען דאָס צעהנערל?

דער צווייטער יוד: אודאי ווײַס איך, איהר האָט דאָך אַליין געזעהן, אַז איך האָב נאָר פינף צעהנערליך.

דער ערשטער יוד: אויף דיר איז אַ קשיה. דו קענסט האָבען נאָך געלד אין די שטיוועל...

דער צווייטער יוד: איך וועל דיר געבען אין מאָר־

דע, אז רו חעסט מיך חושד זיין. (האפט איהם ביים ארבעל).

דער רב: אז איהר ווילט אייך קריגען, קענט איהר אייך געהן געזונטערהייר.

ביידע יודען (אין איינעם): ווער שלאגט זיך דען? (זיי לאזען אב איינער דעם אנדערן).

דער רב (צום דריטען יודען): און וואס ווילט איהר זאגען?

דער דריטער יוד: איך בין א עדות.

דער רב: קעהרט איהר אייך אן מיט'ן תובע?

דער דריטער יוד: מיר זענען נאהנטע שכנים און און איך בין זיין ווייב'ס א פריינדעל.

דער רב: אויב אזוי. זענט איהר פסול לעדות.

דער דריטער יוד: רבי, איך בין אבער געשטאנען דערביי און האב אלץ געזעהען.

דער רב: איהר זענט א קרוב, און על פי דין איז א קרוב פסול לעדות.

דער דריטער יוד: אז איך האב אבער פארט געזעהן אלץ מיט מיינע אויגען.

דער רב (צום ערשטען און צום צווייטען יודען): לעגט אנידער פסק-געלד.

דער ערשטער יוד (לעגט אריין די האנד אין קעשענע און נעהמט ארויס פיער קופערנע צעהנערס און לעגט זיי אנידער אויפ'ן טיש).

דער צווייטער יוד (זוכט אין בוזעם און לעגט אנידער א זילבערנעם גילדען).

דער רב: איך טאר נישט נעהמען ביי איינעם מעהר און ביי איינעם ווענינער.

דער צווייטער יוד (קראצט זיך און לעגט צו נאך א צעהנער).

דער רב (נעמט ארויס פון חאלאט א רויטע קויטיגע פאטשיילע און זאגט צו די בעלי דינים): זייט מקבל-קנין.

דער ערשטער יוד (געהט צו און נעהמט אן איין עק פאטשיילע און לאזט זי אב פאמעלעך).

דער צווייטער יוד (געהט צו און טוט דאס איינענע).

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Litteratur
zu
Jurjew (Dorpat).

דער רב (צו זיי ביידע): ווילט איהר אַ אמת'ן דין־תּורה צי טאַמער אַ פּשרה!

דער ערשטער יוד: מײנעטוועגען זאָל זיין אַ אמת'ער דין־תורה.

דער צווייטער יוד: איך האָב נישט קיין מורא אפילו פאַר אַ אמת'ן דין תורה. איך ווייס, אַז אַלץ איז אַ בלבול...

דער רב: איך טאָר אייך נישט צורעדען, אָבער אויב איהר ווילט מיך פאָלגען, וועל איך אייך בעסער מאַכען אַ פשרה...

דער צווייטער יוד: ניין! אצינד וויל איך נאָר אַ אמת'ן דין תורה.

דער רב: וואָס עקשנ'ט איהר זיך אזוי? עפ"י אמת'ן דין תורה איז אויף אייך חל אַ שבועה.

דער צווייטער יוד: נו, וועל איך שווערן.

דער רב: היינט שווערט מען אָבער נישט.

דער צווייטער יוד: איך וויל אָבער שווערן אויף דעם.

דער ערשטער יוד: וועסטו שווערן ביי אַ ספר?

דער צווייטער יוד: אַז דער רב וועט הייסען, שווער איך ביי אַ ספר.

דער רב: אַזאַ זאַך נעהמט מען נישט אויף זיך. ניט בעסער דעם יוד אַ פינפערי׳ל און זייט פטור פון דער שבועה.

דער צווייטער יוד: ביי מיר געהען נישט די פינפערליך צו פוס...

דער רב: היינטיגע יאָהרען שווערט מען נישט, אפילו אויף טויזענדער.

דער צווייטער יוד: רבי, זייט מסדר די שבועה און לאָזט מיך געהן.

דער רב: איהר זאָלט מיר אפילו אָבשיטען די שטוב מיט גאָלד, וועל איך אַזוינס נישט טאָן.

דער צווייטער יוד: וועל איך אליין שווערן.

דער רב: דאָס וועל איך נישט לאָזען.

**דער צווייטער יוד** (געהט צו צום טיש, חאפט די גמרא, װאס ליגט אויפ׳ן טיש, און וויל פײַ איהר שווערן).

**דער ערשטער יוד**: ניין, ביי א אמת׳ן ספר זאלסט דו שווערן, ביי א ספר תורה.

**דער צווייטער יוד**: מיר איז קיין הלוק נישט, פײַ וואס איך שווער. אלע ספרים זענען הייליג.

**דער רב**: איך בעט אייך, גיט אהער די גמרא, זינט איך בין רב, האב איך נישט צוגעלאזען קיין שבועה. ביי יודען גלייבט מען זיך אוים און מען נעהמט נישט אויף זיך אזא זאך.

**דער צווייטער יוד**: איך נעהם אלץ אויף מיר. איך שווער, איך שווער אט ביי דעם ספר.

**דער רב** (שפרינגט אויף): לאזט איהם נישט. (דער ערשטער יוד רייסט פון איהם די גמרא) גיב אהער, ממזר, דער רב הייסט נישט.

**דער צווייטער יוד**: לאז מיך, דו כלב, איך שווער ביי ווייב און קינדער. —

**דער רב** (שרייט): רבונו של עולם! (צום דריטען יודען): וואס שווייגט איהר, דאס איז קיין קטאוועס נישט.

**דער צוויטער יוד**: איך שווער, אז איך האב נישט...

**דער דריטער יוד** (לויפט צו צו איהם און האלט איהם צו דאס מויל).

**דער צווייטער יוד** (דערלאנגט איהם א פאטש. עס פאלט אראב א גמרא. דער רב בויגט זיך איין און הויבט אויף די גמרא. די רבי׳צין און די קינדער לויפען אריין. אלע דריי יודען שלאגען זיך. פון דרויסען לויפען אריין שכנים, זיי צוצובעהמען. זיי שלאגען זיך ווייטער. מען שטופט זיי ארוים מיט מיה. מען הערט פון יענער זייט איהר קול: ביים פריסטאוו וועסטו קענען שווערן, וויפיעל דו ווילסט.

**דער רב** (צו זיך): ברוך שפטרני. אבי נישט שווערן ביי מיר...

## VI

# די ירושה.

(אַ צוויַיטע סצענע)

## פּערזאָנען.

משולם, אַ יונג רבי׳ל.

יוחנן, אַ צובראָכענער יוד פון אַ יאָהר 40. )
נתן, אַ פּראָסטאַק, 28 יאָהר אַלט. ( דריַי יורשים
ישעיה, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר 20. )

אלימלך, אַ געלער יוד פון אַ יאָהר 35, דעם רב׳ס אַ גוטער פריַינד.

---

(אַ רבני׳ש שטיבעל, בעל-הבתיש איַינגעריכטעט. אַ טיש אין מיטע בענקליך. אויף דער געלער ערד ליגט אויסגעשפּרייט אַ טע-פּיך. צוויַי פענסטער געהען אַרויס אין גאַס. צווישען ביידע הענגט אַ קליידערשאַנק [illegible] וויַיגער. לינקס געהט אַ טהיר צו דער גאַס. דאָס רבי׳ל זיצט אויף אַ בענקעל און דרעהט זיך דאָס בערדעל. פאַר איהם איז אָפען אַ ספר, אין דער האַנד האַלט ער אַ באָקסער און קייַט.

עס עפענט זיך די טהיר און עס קומען אַריין די דריַי יורשים יוחנן, נתן און ישעיה).

**דאָס רב׳יל:** וואָס ווילט איהר אַלע אין אייַנעם?

**אַלע דריַי** (אויף איינמאָל)**:** מיר זענען געקומען זיך לאָדען.

דאָס רב׳יל: מכח וואָס?

אַלע דרײַ: מכח דער ירושה פון אונזער טאַטען.

דאָס רב׳יל: קענט איהר אַלײן נישט אויסקומען?

אַלע. נײן, נײן, רבי. (זײַ קװעטש[illegible] זיך בײַם װאָרט „רבי״).

דאָס רב׳יל: זעצט אײַך.

(אַלע דרײַ זעצען זיך).

דאָס רב׳יל: הויבט אָן צו טענה׳ן.

אַלע דרײַ: ס׳איז נישטאָ, וואָס צו טענה׳ן.

דאָס רב׳יל: עפּיס מוזט איהר דאָך האָבען אַ סכסוך?

נתן (ווײַזענדיג אויף שעיה׳ן): יאָ רבי, איך און מײַן ברו-דער, אָט דער, זענען מיר פּראָסטע יונגען; אונזער למדן (ווײַזט אויף יוחנן) איז געקומען צו פאָהרען און וויל פון אונז אַלע אָפּנעהמען...

יוחנן (רוהיג): איך וויל נאָר האָבען, וואָס עס קומט מיר על פּי התורה.

דאָס רב׳יל: וואָס ווילט איהר האָבען?

יוחנן: איך וויל צוויי חלקים פון דער ירושה, ווײַל איך בין דער בכור.

נתן (צו יוחנן): דו האָסט אָבער געקאָסט דעם טאַטען מעהר, ווי מיר בײדע.

יוחנן: אַז דער טאַטע, עליו השלום, וואָלט געװען גע-האַט שפּעטער געלד, וואָלט איהר איהם אויך געװען געקאָסט.

נתן: וואָס האָבען מיר פון דעם, וואָס עס וואָלט גע-ווען? איך ווײס, אַז איך האָב געמוזט נעהן אַרבײַטען, און שעיה איז געווען אַ דינסט אין קיך, אַז די מאַמע איז גע-שטאָרבען.

דאָס רב׳יל: ווען איז אײַער מאַמע געשטאָרבען?

יוחנן (צום רב׳יל): האָט קײן פּעראיבעל נישט: וואָס האָט דאָס אַ שייכות צו וויסען, ווען אונזער מאַמע איז גע-שטאָרבען צו אונזער דין-תורה מכח דער ירושה?

נתן (צו יוחנן): דו ווילסט נאָך דעם רב אויך לערנען.

יוחנן (אין כעס): מײַן נישט, אַז איך בין דו...

שעיה (האַלפּענדיג נתנ׳ען): יוחנן, איך גיב דיר אַן׳עצה צו זיין רוהיג, ווארום פון אונז ביידען קענסט דו קריגען תיכּף דיין חלק ירושה אויף דער שטעל.

יוחנן (צום רב׳יל): זייט אַנ׳עדות, אַז זיי זענען עזות מהוצף פּנים׳ער אַקעגען אַנ׳עלטערן ברודער.

נתן: אַ קונץ איז צו זיין אַנ׳עלטערער ברודער; אַז דער טאַטע וואלט מיך געוועזען געהאַט פריהער, וואלט איך געווען דער בכור. ס׳איז דאָ, וואָס זיך איבערצונעהמען מיט אַזאַ זאַך.

יוחנן (צום רב׳יל): איהר הערט דבורים?

דאָס רב׳יל: קריגט אייך נישט, קינדער. (ביים וואָרט „קינדער", צופּט שעיה נתן׳ען) זייט בעסער רוהיג און זאָגט אייערע טענות.

נתן: איך האָב נישט וואָס צו טענה׳ן, איך וויל, אַז אַלע דריי זאָלען בעקומען גלייכע חלקים, איינער נישט מעהר, ווי דער אַנדערע.

יוחנן: מאַלע, וואָס דו ווילסט. —

נתן: פערקעהרט, לאָז דער רב זאָגען, צי איך בין נישט גערעכט.

יוחנן: איך ווייס אַליין, וואָס דער רב וועט זאָגען.

דאָס רב׳יל (אַ ביסעל אין כעס): אַז איהר ווייסט אַליין, זעצט-זשע אייך אויף מיין שטוהל און זייט איהר דער רב.

נתן (צופּט שעיה׳ן): זעהסטו? (צום רב׳יל): איך זאָג אייך, רבי, צו האָבען אַ ברודער אַ בן-תורה איז אַנ׳אומגליק. וואָלט ער געווען אַ פּראָסטער, ווי מיר, וואָלטען מיר זיך אויסגעגליכען מיט גוטען, און וואָלטען פערשפּאָרט צו אייך צוקומען.

יוחנן: שווייג, ווארום אַז נישט וועל איך דערצעהלען דעם רבי׳ן.

נתן (בייז): וואָס וועסטו דערצעהלען?

יוחנן: ציה מיך נישט ביי דער צונג.

נתן: פאַר דיר האָב איך טאַקי רעכט מורא.

דאָס רב׳יל: קריגט איך נישט, בּרידער דארפען זיך נישט קריגען.

שעיה: אַ שענער ברודער!

יוחנן (שפּרינגט אויף).

נתן (נעהמט איהם אָן בּיים אַקסעל און זעצט איהם צוריק אַנידער אויפ׳ן בּענקעל): און היט דיך איהם צו זאָגען אַ וואָרט.

יוחנן (מורא-האָבּענדיג): פאַר וועמען זאָל איך מיך היטען?

נתן: פאַר אונז.

יוחנן: איך הער איך, ווי המן דעם גראַגער.

נתן: דאָס וועלן מיר זעהען.

דאָס רב׳יל: אַז איהר טוט אָב בּיי מיר אין שטוב אַזוינע מעשים, בּין איך אייך מוהל דעם גאַנצען דין-תורה.

יוחנן: איהר זענט אָבער בּיי אונז געוואָרען רב און איהר מוזט ווייזען שקצים, אַז פאַר אייך מוז מען האָבּען דרך-ארץ...

נתן: פאַר׳ן רב האָבּען מיר דרך-ארץ, אָבער נישט פאַר דיר.

יוחנן: שווייגעץ איינער, איך בּין עלטער פון דיר.

נתן: דאָס האָסטו שוין טויזענד מאָל געזאָגט.

שעיה (צו נתן׳ען): ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך נאָר אויפהויבּען און געהן אַהיים. מיט איהם וועלן מיר קיינמאָל קיין עק נישט דערגעהן.

יוחנן: סמאַרק!

שעיה (חאַפּט איהם בּיי דער באָרד): איך וועל דיר ווייזען, וואָס ס׳הייסט סמאַרק.

---

(עס עפענט זיך די טהיר עס קומט אַריין אלימלך, אַ קלוגעטש-קער יוד, אָנגעטאָן ווי אַ קבצן).

אלימלך: שאַט, שאַט, וואָס קריגט איהר אייך! (ער צונעהמט זיי). זעצט אייך אַנידער.

יוחנן (צום רב׳יל): איהר זענט קיין רב נישט.

אלימלך (צו יוחנן): איהר נעהמט אייך צופיעל איבער מיט אייער ביסעל תורה. זענט איהר געקומען צום רב זיך לאָרען, מוזט איהר וויסען, אז איהר זענט ביים רב און נישט ביי אייך.

שעיה און נתן (חאפּען זיך אָן): יאָ, אלימלך? איהר זענט גערעכט.

אלימלך: זאָגט זשע מיר, אין וואָס בעשטעהט אייער לאָרעניץ, לאָ'ם איך אויך וויסען.

אלע דריי (און איינעם): וואָס הייסט אין וואָס, מכח דער ירושה פון אונזער טאַטען.

אלימלך: (לאַכט).

יוחנן: איהר לאַכט און מיך שטעכט עס.

אלימלך: מאַכט אייך נישט נאַריש. זייט דרייצען יאָהר איז זייער טאַטע געזעסען אין שכנות; מ'זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד, וואָס ער האָט האָט געהאַט, האָט ער פערזעצט בחיו.

נתן און שעיה (היטרע): ס'איז טאַקי אַזוי, ס'איז גאָר נישט געבליבען.

יוחנן (הויך): ס'איז שוין דאָ, וואָס צו ירשה'נען.

נתן און שעיה: וואָס איז דאָ?

יוחנן: אַ קישען און אַ קאָלדרע, מיט אַ טיש מיט אַ העננגלייכטער, מיט טעפּליך און העק און האַנדגעצייג.

נתן: דעם העננגלייכטער מיט'ן האַנדגעצייג האָט מען פערקויפט פאַר רפואות.

יוחנן: דאָס האָט איהר ביידע אַוועקגענומען נאָך איידער איך בין געקומען.

נתן: דו ביזט אונז חושד אויף אַזאַ זאַך. מיר קענען שווערן, אַז דו האָסט אַוועקגענומען דאָס חנוכה־לעמפּעל, בעת אַז דו ביסט געוועזען דעם לעצטען סוכות ביי אונז.

יונתן: איהר הערט, רבי, ווי זיי זענען מיך חושד?

נתן: און דו מעגסט אונז חושד זיין?

אלימלך (מישט זיך אריין): איבער דעם, וואָס איז נישטאַ

איז נישטאָ וואָס זיך צו קריגען, און דאָס, וואָס איז יאָ דאָ, איז, דאַכט זיך, נישט פיעל ווערט.

נתן: ווערט איז דאָס נישט אַ זעקסער, מ'זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד. איך מאוס מיד פאַר דעם קישען מיט דער קאָלדרע, וואָס דער טאַטע איז אויף דעם געלעגען קראַנקערהייד. אָבער ווער האָט געגעבען קבורה־געלד? מיר, מוז ער (ווייזט אויף יוחנן) גאַנץ גוט בעצאָהלען זיין חלק! (גיט זיך אַ פּאַטש אין קאָפּ אַריין) וואו איז מיין שכל? ער איז דאָך דער בכור, מוז ער דאָך געבען צוויי חלקים.

יוחנן (אין כעס): ביזט אַ גוטער למדן.

דאָס רב'יל: געהט אייך געזונטערהייד, איך בין אייך מוחל אייער דין־תורה.

נתן: אָבער וואָס האָבען מיר אייך געדולט דעם קאָפּ אומזיסט.

אלימלך: איהר מוזט דאָך געבען דעם רב פּסק־געלד.

נתן און שעיה: פון אונזערע ירושות טראָגט נישט אויף פּסק־געלד.

(זיי געהען אָב איינער נאָכ'ן אנדערן; הינטער דער טהיר הערט מען זיי נאָך זיך קריגען).

## V.

# אַ נאָכמיטאָג ביי׳ם רב און שטוב.

(אַ בילד)

---

(די פאָדערשטע שטוב ביי׳ם טאַראַוועצער רב. אַ ניעדריגע סטעליע. צוויי קליינע פענסטערליך געהען אַרויס אויפ׳ן שמאָלען גאַס. נעבען אַן׳אַלט באַנק-בעטיל שטעהט אַ לענגליכער קיילע-כיגער טיש. אויבענאַן אויף איין אַלטען שטוהל אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישען זיצט דער רב, אַ קליין יודעל מיט אַ שפּיציג גרוי בערדיל. ער האַלט די האַנד אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן טיש און קיקט אַריין אין אַ משניות. אַ הויכער יוד מיט גרויסע שטיוועל און אַ לאַנגען ריבסענעם חאַלאַט מיט אַ פ"רגרינט פּליושען היטעל, שטעהט פאַר׳ן אַנדערן עק טיש און טענה׳ט).

דער רב (הויבט נישט אויף די אויגען פונ׳ם ספר): איך האָב דיר דאָך געזאָגט, היים, איך טאָר דיך נישט אַליין אויסהערן.

דער יוד: רבי לעב, ער קוילעט מיך, ער איז מיר משיג-גבול.

דער רבי (ערגעליך): איך טאָר נישט הערן איין בעל-דין אָהן דעם אַנדערן. קום מיט איהם אין איינעם און האָט אַ דין תורה.

דער יוד: אַז דער הולטאַי וויל גאָרנישט געהן צווישען יודען און וויל נאָר אָבגעבען אין סוד.

דער רב (הויבט אויף דעם קאָפּ): איך וועל איהם שיקען רופען.

דער יוד: ער וועט אײַך נישט הערן, דאָס איז אַ כלב שבכּלבים.

דער רב (רופט): יענקיל, יענקיל, וואו איז ער? (עס קומט קײנער נישט). וואו איז יענקיל? זאָל ער געהן נאָכ'ן שמש (מען הערט דאָס קול פון דער רביצין): יענקלען האָב איך געשיקט צו פּײַסין אין קלײט אַרײַן נאָך צוקער.

דער יוד: וועל איך אַלײן געהן רופען שואל'ן.

דער רב: אז דו ווילסט, געה.

דער יוד: (געהט אַרויס דורך דער טהיר, וואָס עפענט זיך אין דרויסען. די טהיר וויל זיך נישט צומאַכען, אַ ווינטעל בלאָזט. די רביצין אַ גראָבע מאוס'ע יודענע אין אַ טשיפּעקעל, קומט אויף דער שוועל פון קיך אין שטוב און קוקט אַרײַן): שלמה, איז ער שוין אַוועקגעגאַנגען?

דער רב: יאָ.

די רביצין: טאָמיר האָסט דו נאָך צוואַנציג קאָפּיקעס. איך בעדאַרף צו האָבען.

דער רב (קראַצט זיך): איך האָב נישט.

די רביצין: אַ כּפּרה'ניק איז דאָ געוועזען און וויל צו-האַקען דאָס האָלץ, ער וויל אָבער פערציג קאָפּיקעס אַ טאָג. (די טהיר פון דרויסען עפענט זיך און דער יוד קומט אַרײַן).

דער יוד: ער וועט באַלד קומען.

דער רב: זעץ זיך דערווײַל.

די רביצין: אַ, חיים.

דער יוד (קרעכצט): יאָ, מען בידעוועט.

די רביצין: וואָס איז אײַך?

דער יוד: אַ דין-תורה האָב איך מיט שמואל'ן; ער האָט מיך אָבגעראַבעוועט און וויל מיך אויסטאָן אין איין העמד.

די רביצין: יאָ, יאָ, חיים, מען מוז נאָך אויס-הערן יענעמ'ס צד...

דער יוד (שפּרינגט אויף): וואָס זאָגט איהר, רביצין!

דאָס איז אַ ראָזבאָיניק, ווי איהר זעהט מיך לעבען, איך זאָל אַזוי גערעכט זיין פאַר גאָט, ווי איך בין גערעכט.

(די טהיר פון דרויסען עפענט זיך אויף, און שואל דער שמש, אַן אַלטער, שוואַרצער יוד פון אַ יאָהר זעכציג, קומט אַריין הוסטענדיג): קחי, קחי, (ער שנײַצט זיך די נאָז): רבי, וואָס לאָזט איהר מיך נישט שלאָפען. איך וואָלט מיך אַ ביסעל אָבגערוהט, איך הוסט שוין זײַט דרײַ טעג און דער קאַטער... האָט איהר געהערט, בײַ ראובן זיססי'ס איז הײַנט גע'פגר'ט די ציג. אַ רחמנות. שרה־רבקה איז געלעגען געוואָרען און האָט געהאַט אַ יונגעל, דאָס אַכטע. אין בית המדרש האָט מען הײַנטיגע נאַכט גע'גנב'עט האָלץ. איך מוז מיר אָבדרײַסען דאָס האַרץ מיט'ן גבאי, ער זאָל קויפען אַ שלאָס.

דער רב (גוטברידערליך): לאָז די מעשיות, שואל. גײַה אַריבער צו שמואל'ן און זאָג: איך לאָז איהם רופען, ער זאָל באַלד קומען צוגעהן.

דער שמש (קוקט אויף חיים'ן): איך פאַרשטעה שוין — אַ לאָדעניש. בײַ וועמען האָב איך דעם זעקסער? מוז איך מיר אָבגעהן די פיס אומזיסט? (ער פאַרהוסט זיך: קחי, קחי, קחי).

דער רב: גײַה שוין. אונטערוועגס קויף מיר בײַ פייסי'ן אַנ'אַכטעל טיטון. סרעדניע.

דער שמש: גיט אַהער געלד.

דער רב: נעהם אויף באָרג.

די רביצי'ן (ווינקט צום רב).

דער רב (געהט צו צו איהר).

די רביצי'ן (שטילערהייד): שיק נישט נעהמען אויף באָרג. ער האָט קיין חשק נישט. מיר זענען איהם שולדיג ניין קערבליך.

דער רב (הויבט אָן צו קראַצען אין קעשענע און געפינט אַנ'אָבגעריבענעם דרײַער. שואל איז דערווײַל אַוועקגעגאַנגען. ס'קומט אַריין אַ געזונטע שיקסע אין אַ רויט קליידעל מיט אַ אויסגענעהט העמד: דאַוואַי דרישטשי־נאַ שעסט קאָפּיעק. די רביצי'ן געהט צו צו דער שאַפע און ווענט איהר אָב אַ לויט הייוועץ).

דער רב: וויפיעל האסט דו געלייזט, רבקה?

די רביצין: זעקס קאפיקעס.

דער רב: השגחה!

(א יונג ווייבעל, א שעמעוודיגע עפענט אויף די טהיר).

די רביצי׳ן: שלמה, א שאלה.

דער רב: קומט אהער.

דאס ווייבעל (געהט פאמעליך צו צום טיש און נעהמט ארויס פון׳ן האנטוך א מאגערע הון): איך האב זי גענומען כשר מאלען, האב איך נישט נעפונען די גאל.

דער רב (שטעקט אריין די האנד און נעהמט ארויס די לעבער און לעקט זי): ס׳ביטער — ס׳כשר.

דאס ווייבעל (שטעהט): איך וואלט אייך געוואלט פרע־גען. איך האב א דיישקע, וואס איך בעניץ זי נאר צו וואסער און שטעהן שטעהט זי אין קאמער, נישט אין קיך, אצינד וויל איך אין איהר שטעלן פסח׳דיגען בארשטש.

דער רב: מ׳מעג, אבער מ׳מוז זי כשר׳ן.

דאס ווייבעל: נעכטען האב איך געהאט די האנד אין מעהל, האב איך גענומען די קווארט און האב אנגענומען וואסער.

דער רב: איך האב אייך דאך געזאגט, כשר׳ט זי.

דאס ווייבעל (נישט צופרידען): ווייס איך, איך האב גע־מיינט, קויף בעסער א נייע דיישקע, אבער אז מ׳מעג... (זי נעהמט די הון פונ׳ם טיש, וויקעלט זי איין און געהט אוועק).

דער רב (צו דער רביצי׳ן): ווער איז זי?

דער יוד: שמעון׳ס שנור.

דער רב: א מחתרתא.

דער יוד: יא, דער מאן איז א גנב.

דער רב: דו רעדסט מיר צו שטארק אויף יודען.

דער יוד: אלע זענען זיי גנבים, די שמעונ׳ס.

דער רב (געהט צו צום פענסטער און קוקט): שואל איז נאך נישכא. אז מ׳שיקט איהם אוועק, קען מען זיך נישט דערווארטען.

רבקה (ער קערט זיך צו דער רביצין) זעה נאך, אין שופלאד האב איך א ביסעל מיטון.

דער יוד (נעהמט ארויס א ציגאר טיטון): נאט אייך, רבי, ס'גוטער.

דער רב: דו ווילסט מיר געבען שוחד, איך וועל שוין ווארטען אויף שואל'ן.

יענקיל (קומט אריין, אן אויסגעשמירט, בארוועס יונגעל פון א יאהר ניין מיט א צוריסען היטעל): באבע, איך בין געפאלען און האב אויסגעשיט דעם צוקער.

דער רב (ווערט רויט פאר כעס).

די רביצי'ן (נעהמט איהם אן ביי דער האנד און פיהרט איהם אין קיך אריין) . . .

דער שמש (קומט): וואס איז ביי אייך פאר א הונט ביי דער טהיר? א דא האט איהר דעם טיטון. פייסי האט זיך אפילו א ביסעל געקרימט... שמואל'ן האב איך נישט געפונען אין דערהיים. האב איך געזאגט זיין ווייב. (ער הוסט). א ווינט איז דאס! צו נחום קאזניאנסקי איז געקומען צופאהרען א פריץ.

דער יוד (חאפט זיך אויף).

דער רב: וואוהין געהסטו, חיים?

דער יוד: איך וועל באלד קומען.

דער שמש (אז חיים איז אוועקגעגאנגען): רבי, ס'פוסטע זאכען, זיי וועלן זיך קיינמאל נישט לארען, איהר האט געזעהן?

דער רב: וואס?

דער שמש: ווי ער האט זיך אויפגעחאפט, אז איך האב געזאגט פון פריץ.

דער רב: א יוד וויל נעביך פערדינען.

דער יוד: א שענער נעביך, אויף מיר געזאגט געוואר־דען. ווי ער זיצט דא וואלט איהר קיין צוויי גראשען פאר איהם נישט געגעבען, אבער איהר זאלט איהם געזאלט זעהן אין דער מעקלעריי.

דער רב: שמואל האנדעלט דאך אויך מיט מעקלעריי.

דער שמש: אַודאי׳ דאַרום רײַסען זײַ זיך אַרום.

דער רב (זעצט זיך ווידער צום משניות און הויבט אָן אַרײַנ־קוקען).

דער רב: וואָס שטעהסט דו, שואַ?

דער שמש: ווער וועט מיר בעצאָהלען פאַר׳ן וועג?

דער רב (מאַכט אַ הלצה׳לע): האָב מיט חיים׳ן אַ דין־תורה.

דער שמש: אײַך איז גוט צו לאַכען. פון וואַנען זאָל איך לעבען?

דער רב: הויבסט שוין ווידער אָן. (זוכט אין קעשענע, נעהמט אַרוים דעם דרײַער): נאַ, האָסט דו.

דער שמש (טאַפט דאָס געלד. צו זיך): אַ דרײַער. (ער געהט).

דער רב (זעצט זיך ווידער אין שטוהל, מישט צוריק די בלעט־ליך און הויבט אָן צו לערנען): מאימתי קורין את שמע בערבית? (צו זיך): מ׳איז מיך מבטל פון דער תורה...

## VI.

# די קנאה.

(אַ סצענע).

---

### פּערזאָנען:

שמואל יאָקעלס, אַ בעל-הבית.

פּעריל, זײַן װײַב.

יונתן, אַנ׳אָבגעקומענער מעקלער, פון אמאָל.

ס׳איז: אין אַ קלײן שטעדטיל, אַ זומערטאָג נאָכ-מיטאָג. —

---

(דער פּאָראָשעק פון אַ קלײנער קעלער-שטוב. אין מיטען אַ טהיר. פון אײן זײַט צװײ פענסטער און פון דער אַנדערער זײַט אײן פענסטער. די פענסטער זענען פערהאַנגען פון אינװעניג מיט דינע פאָרהענגליך. אונטער די צװײ פענסטער שטעהט אַ הילצערנע באַנק. אויפ׳ן פּאָדאָשעק שטעהט שמואל יאָקעלס, דער בעל-הבית פון דער שטוב, אַ געלער יוד, אַ בעל-בשר. ער האַלט די הענד אין די קעשענעס פון די הויזען און קוקט אין גאַס אַרײַן. לינקס פאַר׳ן פּאָראָשעק שטעהט אַ װײַסע טעליצע און עסט פון אַ צעבער נאַסע קלײַען. עס קומט צו

יונתן. דער מעקלער און האלט א צוזאמענגעוויקעלטען בויגען פאפיר אין האנד. ער קוקט שטארק אויף דער טעליצע...)

יונתן (צו שמואל'ן): וואס איז ביי אייך פאר א רויך פון קוימען?

שמואל: מיין ווייב מאכט פאווידלא.

יונתן: איהר שטעהט אייך, ווי אויב איהר וואלט שוין אויסגעגעבען אייערע קינדער אין פרייערן.

שמואל: און איהר געהט ארום אייביג פערטאן און האלט אין די הענד א ליידיגען בויגען פאפיר.

יונתן: פון וואנען ווייסט איהר, אז ער איז ליידיג?

יונתן (קוקענדיג אויף דער טעליצע): זאגט מיר נאר, וואס שטעהט ביי אייך די טעליצע אין מיטען טאג און עסט?

שמואל (לאכענדיג): כדי איהם זאלט פרעגען.

יונתן: קאטאוועס אן א זייט.

שמואל: ווער טרייבט קאטאוועס?

יונתן: וואס ווילט איהר פאר דער טעליצע?

שמואל: פון ווען אן זענט איהר דאס געווארען א קונה פון טעליצעס?

יונתן: אז א יוד פרעגט אייך, זאלט איהר ענטפערן.

שמואל: וואס האט איהר דען געפרעגט?

יונתן: איך זעה, איהר מאכט אייך תמ'עוואטע, איהר חילט נישט זאגען, איז נישט.

שמואל: אודאי וויל איך נישט.

יונתן: וואס זשע דען האט איהר געשיקט איער יונגעל נאך מיר?

שמואל: האב איך איהם דען געשיקט?

יונתן: רוקט ארוים מיט די דבורים, וואס האט איהר געשיקט נאך מיר?

שמואל: איך האב צייט, אבער אז איהר ווילט, געהט אייך.

יונתן: ווייסט איהר וואס, רופט ארוים איער ווייב. מיט פערלע'ן קען מען בעסער שמועסען.

שמואל: איהר האָט אַ ווײַבערשע נשמה.

יונתן: איך האָב פײַנט פוסטע רעד. זאָגט איהר, צי אײַער ווײַב, וואָס ווילט איהר פאַר דער טעליצע?

שמואל: פאַרוואָס זאָל איך זי פלוצלונג פערקויפען?

יונתן: מסתמא ווייסט איהר, פאַרוואָס איהר ווילט זי פערקויפען.

שמואל: ווי איהר קוקט מיך אָן, איך ווייס פון גאָר־ניט.

יונתן: רופט אַרויס אײַער פלונית'טע.

שמואל: געהט און רופט זי, אַז איהר ווילט.

יונתן (געהט אַרויף אויפ'ן פאָדאַשעק, האַפּט די קלאַמקע און וויל עפענען די טהיר).

שמואל (האַלט איהם צו און לאָזט איהם ניט): וואַרט, טאָמער וואָלט איך געקענט וויסען, ווער איז דער קונה.

יונתן: וואָס איז אײַך דער חלוק ווער עס איז. איך קויף בײַ אײַך די טעליצע און בײַ מיר האָט איהר דאָס געלד.

שמואל: געלד איז ווייניג.

יונתן: אָבער וויפיעל ווילט איהר פאַר איהר, זאָגט שוין אַרויס?

שמואל: וויפיעל איך וויל?

יונתן: יאָ. וויפיעל.

שמואל: זעצט אײַך אַנידער, מיר וועלן שמועסען.

יונתן: איהר האָט אַ פּנים נאָך קיינמאָל אין אײַער לעבען ניט פערקויפט קיין טעליצע.

שמואל: און ווער זאָגט אײַך, אַז הײַנט וויל איך יאָ פערקויפען?

יונתן: זאָגט, וויפיעל ווילט איהר פאַר איהר. לאָמיך דערגעהן אַן עק.

שמואל: איהר זענט מיר צו־היציג.

יונתן: לאָזט מיך געהן!

שמואל: געהט, ווער לאָזט אײַך ניט.

יונתן: איך וויל דאָך אָבער קויפען די טעליצע.

שמואל: און איך האָב צייט.

יונתן: פאַרוואָס ציהט איהר מיר די נשמה?

שמואל: זעצט אייך אַנידער.

יונתן (זעצט זיך).

שמואל: זאָגט מיר דעם אמת, פאַר וועמען ווילט איהר קויפען די טעליצע?

יונתן: וואָס איז אייך די נפקא־מינה?

שמואל: אודאי איז מיר אַ נפקא-מינה. איך וויל וויסען, ביי וועמען מיין טעליצע וועט אָנשפּארען.

יונתן: ס'איז ביי אייך, ווי אויב איהר טוט אַ שדוך מיט אַ קינד.

שמואל: זאָגט מיר, אַ שטייגער, וויפיעל ווילט איהר פערדינען אָן דער טעליצע?

יונתן: אַ שטוב וועל איך מיר נישט קויפען פון דער מעקלעריי.

שמואל: וועט יענער געבען זיבעציג קערבליך?

יונתן (שפּרינגט אויף): פאַרוואָס טאַקע נישט אַכציג, צי הונדערט!

שמואל: וואָס מיינט איהר, אַז איך גיב זי אָב פאַר זיבעציג, בין איך פון זין.

יונתן: און יענער וועט פון זין זיין, אַז ער וועט אַרויסנעהמען זיבעציג קערבליך און אייך געבען.

שמואל: קיינער איז נישט געצווּנגען. איך וועל שוין פאַר מיין טעליצע בעקומען מיין געלד.

יונתן: אָבער נאָר נישט זיבעציג קערבליך.

שמואל: מיר וועלן זעהן.

יונתן: דאָס וועל איך נישט זעהן און איהר וועט עס נישט זעהן. מאַלט זיך נישט נאַריש און זאָגט באמת, וויפיעל ווילט איהר פאַר דער טעליצע.

שמואל: איך האָב אייך געזאָגט, זיבעציג קערבליך, נישט ווייניגער אַ גראָשען.

יונתן: איהר וועט זיך נאָך לאָזען בעטען...

שמואל: זיבעציג קערבליך; זיבען אָבגעצעהלטע צעה־נערליך.

יונתן: אויב, אַזוי מוז איך געהן, איך זעה, ס'וועט פונ־ים גאַנצען עסק גאָרנישט ווערן.

שמואל: וויפיעל דען, מיינט איהר?

יונתן: לאָזט פריהער אראָב, און דערנאָך וועל איך זאָגען.

שמואל: איך לאָז נישט אָב פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, א גראָשען, דאָס ווייסט איהר גוט.

יונתן: איך גיב אייך פערציג, מזומנ'ע.

שמואל: אַז איהר וואָלט נישט געוועזען עלטער פון מיר, וואָלט איך אייך געמעגט אַ שפּיי טאָן אין פנים אריין.

יונתן איך בין אַ סך לייטישער פון אייך, איך האָב אייך נישט געשפּיגען אין פנים אריין, אַז איהר האָט געזאָגט זיבעציג.

שמואל: וויפיעל דען האָב איך געזאָלט זאָגען?

יונתן: איהר ווייסט אליין, אַז פאר זיבעציג רובל קען מען שוין, אַז מ'וויל, קויפען צוויי טעליצעס.

שמואל: אדרבא, נאַט אייך זיבעציג קערבליך און גיט מיר צוויי טעליצעס.

יונתן: גוט, גיט אַהער די האַנד (שטרעקט אויס די האַנד).

שמואל: אַ חכם זייט איהר, אָבער וואָס פאר אַ טע־ליצעס!

---

(די טהיר פון שטוב עפענט זיך, און ס'קומט אריין פּעריל, אַ פערשמירטע יודענע, מיט'ן טשיפּיקעל אויפ'ן קאָפּ, די הענד זענען טונקעל־רויט פון פלוימען).

פּעריל (צו יונתן): וואָס מאַכט איהר דאָ, יונתן?

יונתן: גוט, אַז איהר זענט געקומען; איהר זענט אַ סך קלינער, ווי אייער מאַן.

שמואל (צו פערלען): טרעף, וואָס יונתן וויל? ער וויל אונז אוועקנעהמען אונזער טעליצע.

פעריל: איי, יונתן.

יונתן: זאָגט אַליין, אייער מאַן מוטשעט מיך דאָ שוין אַ שעה און איך זעה קיין לאַד נישט.

פעריל: קומט אַריין אין שטוב אַריין; צו וואָס זאָלען מיר שטעהן דאָ און רעדען?

שמואל: ניין, איך וויל קוקען, טאָמער קומט נאָך אַ קונה.

יונתן: האָט נישט קיין מורא, אַזוי גיך יאַוועט זיך נישט אַ בעלן.

פעריל (צו יונתן): וויפיעל בעט דען שמואל ביי אייך פאַר דער טעליצע?

יונתן: זיבעציג קערבליך, אַ ריינע רציחה.

פעריל: און איך גיב זי נישט אָב פאַר זיבעציג.

יונתן: ווילט איהר נאָך זיין ערגער, ווי אייער מאַן?

פעריל: לויבט מיך נישט אין די אויגען; איך קען מיך נאָך איבערנעמען.

(מ'הערט פון דער שטוב אַ געשריי פון אַ קינד. פעריל לויפט אַריין אין שטוב).

---

(ס'קומט צו יואל. דער אָבגעקומענער מעקלער פון אַמאָל, אַן אָרימער יוד מיט אַ לאַנגער באָרד).

יואל: וואָס איז? וואָס טוט זיך דאָ?

שמואל (מיט אַ שמייכעל): מיר האָבען אויף אייך געגעוואַרט. —

יואל: אַרויס מיט'ן לשון, דערצעהלט.

שמואל: יונתן האָט אַ יונגעל און איך אַ מיידעל, און ער איז אַליין דער שדכן, און ער וויל, מיר זאָלען זיך משדך זיין.

יונתן: טרייבט קיין קאַטאָוועס נישט. (צו יואל'ן): זאָגט, אויף אייער יושר: וויפיעל איז ווערט די טעליצע, וואָס שטעהט אָט דאָ?

יואל (זיך קראַצענדיג): וואָס הייסט וויפיעל. ס'איז אַ חלוק, צי איך קויף זי, צי איך פערקויף זי.

יונתן: חכם איינער, אָבער אַ טעליצע מוז דאָך האָבען סתם אַ ווערט.

יואל: אויב איך זאָל זאָגען דעם אמת, איז די טעליצע ווערט אַ פופציגער.

יונתן און שמואל (אין איינעם אַרויספּלאַצענדיג): איהר פערשטעהט נישט פון טעליצעס. —

יונתן (צו יואל'ן): איך וועל געהן, אָבער ווען איהר קויפט די טעליצע, האָב איך אַ חלק אין דער מעקלעריי.

יונתן: אַ מכה אין די צייהן!

שמואל: קריעגט אייך נישט, איך פערקויף זי נישט אַצינד, פאַר כל הון דעלמא נישט.

יואל: אַז איהר ווילט, וועל איך מאַכען אַ פשרה. אום וויפיעל דינגט איהר אייך?

יונתן: איך וועל שוין אַליין אויסקומען אָהן אייך.

יואל (צו שמואל'ן): זענט איהר אָבער אַנ'עדות, אַז איך בין אויך אַ קונה. (ער געהט).

---

יונתן (צו שמואל'ן): נו, וויפיעל ווילט איהר פאַר דער טעליצע?

שמואל (רוהיג): זיבען צעהנערליך.

יונתן: דאָס האָב איך שוין געהערט.

שמואל: טאָ גיט אַהער, וואָס איך וויל.

יונתן: איך גיב פינף-און-פערציג קערבליך.

שמואל: איך לאָז אייך אַראָב אַ דרייערל.

יונתן: און איך לעג נאָך צו אַדרייערל.

שמואל: גיט אַהער פינף-און-זעכציג.

יונתן: איהר מוטשעט אייך אומזיסט, איך גיב אייך אַ פופציגער און מאַכט אַ סוף.

שמואל: זעכציג קערבליך, וועניגער נישט אַ קאָפּיקע.

יונתן: איך שווער אייך, אַז איך האָב געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט...

שמואל: און איך זאָל נישט דערלעבען אַריינצוגעהן אין שטוב אַריין, אויב איך נעהם ניין-און-פופציג מיט ניין-און-נײַנציג קאָפּיקעס.

יונתן: איז נישטאָ וואָס צו רעדען.

שמואל: טאָ וואָס דולט איהר מיר אַ קאָפּ?

יונתן: אַז איהר זייט אַנ'עקשן, ווער איז אייך שולדיג.

שמואל: ווייסט איהר וואָס, קומט אַריין אין שטוב אַריין. וועט איהר טרינקען אַ גלאָז טיי.

יונתן: איך בין אייך מוחל אייער טיי.

שמואל: לאָמיר גאָר נישט רעדען פון דער טעליצע. לאָמיר שמועסען מכח עפּעס אַנדערש.

יונתן: נעהמט האַנדגעלד און לאָזט מיך געהן. איך מוז נאָך הײַנט פאַר-נאַכט געבען תשובה.

שמואל: וועמען?

יונתן: לעקישען.

שמואל: איהר פערגעסט, ווער איך בין?

יונתן: דאָס ווייס איך, ביי אייך צופערדיענען פון מעקלערייַ איז שווערער, ווי אויפהויבען אַ באַרג.

שמואל: איהר זענט מיר דער גוטער מעקלער.

יונתן: צו וואָס האָט איהר געשיקט נאָך מיר און נישט נאָך יואל'ן?

ש מ ו א ל: וואָס מײַנט איִהר: איִך מיִט מײַן טעליִצע האָב קײַן דאגה ניִשט...

י ו נ ת ן: און אַ מזומנ׳ער קונה, וואָס וויִל געבען פאַר אַ טעליִצע אַ פופציִגער, האָט אויך קײַן דאַגה נישט.

ש מ ו א ל: גיִט אַהער פיִנף־און־פופציִג קערבליִך, חאַפּט אײַך דער רוח.

י ו נ ת ן: מילא, זאָל זײַן אַזוי, נאַט אײַך אַ צעהנעריִל אַנ׳אַררויף. — — —

VII.

# דער שדוך.

(אַ שמועס).

---

רב לאָקש (צו רב פּאַרפּלען): איך מוז אַרויס פון די כּלים...

רב פּאַרפּל: שאַט, שאַט, וואָס זענט איהר פאַר אַ מיוחם?

רב לאָקש: עס איז אַ העזה פון אַ מענשען, מיין זוהן רעדען משולמ׳ס טאָכטער. איהר פערשטעהט מיך? איהר זענט בסך־הכּל אַ גאָרנישט.

רב פּאַרפּל: נישט זירלען מיין קינד; איך זאָג אייך, ס׳איז פאַר אייך אַ גליק, ח׳לעבען, איהר וועט מיך בעטען.

רב לאָקש: בעטען זאָל מען אייך צום רוח. אַז איהר וועט זיך דערוועגען נאָך אַמאָל צו קומען צו מיר מיט דער דאָזיגער זאַך, וועל איך אייך ווייזען די טהיר.

רב פּאַרפּל: וואָ־זשע זאָל איך טאָן, אַז איך בין פאָרט אַ שדכן און דער שׂכל זאָגט מיר, אַז דאָס איז ווי פאַר אייך געבוירען?

רב לאָקש: טראָגט אייך אָב, איהר ברענגט מיך אויס דער הויט.

רב פּאַרפּל: געהן וויל איך שוין, אָבער דער ענין איז טאַקי אַן׳ענין, לאָמיר זיך נישט נאַרען.

רב לאָקש (אין צאָרן הויבט אָן פּאַרפל'ען צו דוצען): פּרפל איך וועל דיך אַרויסוואַרפען, אָ דאָס וועט זיין דער סוף.

רב פּאַרפל: וואָס זענט איהר אין כּעס, ווער נויט אייך דען? איך בין מיר אַ יוד און טו מיר מיינס, איהר ווילט נישט, איז נישט.

רב לאָקש: אַ העזה פון אַ מענשען.

רב פּאַרפל: גיט אַהער דעם בריעף.

רב לאָקש: וואָס פאַר אַ בריעף?

רב פּאַרפל: איך מיין דעם בריעף, וואָס איך האָב אייך אָ דאָ געגעבען.

רב לאָקש: אַ, דעם בריעף פון משולמ-ען מכּח דעם נדן? דעם האָב איך צוריסען אויף פּיצ-פּיצלעך.

רב פּאַרפל: גיט אַהער דעם בריעף און מאַכט אייך נישט נאַריש, איהר ווילט דאָך דערפון גאָרנישט וויסען. ביי מיר איז דאָס אַ סחורה, איז נישט לאָקש איז גרונם, צו בוי-דעם, יונגלעך זענען דאָ ביי יורען אַ סך ברוך-השם.

רב לאָקש: צו וואָ-זשע טויג אייך דער בריעף?

רב פּאַרפל: אַ שׂכל פון אַ מענשען. דעם בריעף וויל איך טאקי ווייזען גרונמ'ען, אַז איך וועל איהם פאַרלעגען דעם שדוך.

רב לאָקש: וואָס געהט מיך אָן גרונם, זאָל ער ברע-כען דעם קאָפּ!

רב פּאַרפל: דאָס איז מיין דאגה. זייט נישט פויל אויפ'ן פעלץ און גיט אַהער, זייט מוחל, דעם בריעף.

רב לאָקש: איז ביי אייך אַ רענדיל אַ מינוט? אַ מענש מוז זיך דאָך מישב זיין...

# ברויט. *)

(אַ בּילד)

---

(הינטער דער טהיר. מען הערט אימיצען הליפּען).

**ער:** שרה-לעב, וואס-זשע וויינסטו? אז גאָט וואָלט גע-
וואָלט אונז העלפען, וואָלט ער דען נישט געקענט? מאָל דיר
אויס, מיר האָבען יאָ ברויט, יאָ געלד, יאָ קאַרטאָפּלעס, יאָ
שמאַלץ — זינדיג נישט. איז נישט דער מענש בסך-הכל אַ
בשר-ודם? ווי שטעהט עס געשריבען: היום בכאן, היינט זע-
נען מיר דאָ, און מאָרגען זענען מיר דאָרט... זעהסטו, וואָס
מיך אַרט אין אמת'ן, איז די בושה, די ריינע בושה. איך
שעם מיך פאַר זיך אַליין, זיך אַרומצודרעהען אויפ'ן מאַרק און
קוקען איטליכען אין די אויגען אַריין, טאָמער גיט ער מיר
עפּעס צו פערדינען.. אַז מען דאַרף אָנקומען צו אַ מענשען,
ער זאָל עפענען דאָס טייסטעריל און זאָל זאָגען: יחיאל, איך
באָרג דיר פינף-און-דרייסיג קאָפּיקעס אויף שבת, — זאָל מען
בעסער אויסגערונען ווערן אין דער מאַמעס בויך. וואָס-זשע
זאָל איך טאָן. אַז יענער איז אַ הונד און האָט אונז אַוועקגענו-
מען דעם לעצטען ביסען? זאָל איך זיך מיט איהם נעהמען לאָ-

---

*) איבערגעזעצט פון לשון-קודש'ן.

דען ? אַז ער אַליין האָט אויך מכּות. דיין מאַמע איז גע־
ווען גערעכט , אַז זי פלעגט צו מיר זאָגען : יחיאל , פון דיר
וועט נישט זיין קיין תּכלית. וואָס טויג דיר שותּפות ? שותּפות
איז נאָר גוט צו האָבען מיט'ן ווייב. — אָבער אַז דו וויינסט ,
וואָס־זשע זאָל איך טאָן ? איך פרעג דיך : גאָט, שלאָג דיך מיט
גאָט , אַז יענער האָט אונז אָבגעראַבעוועט און הו"ט אַליין קרענק־
קרענקען זאָל ער אין הקדש , גאָטעניו , אָבער נקמה האָבען אָן
אַ מענשען טאָר מען דאָך אויך נישט . ווי שטעהט עס אין
חומש : התחת אלהים אני ? גלויב מיר, שרה , עס איז נישטאָ
קיין אמת אויף דער וועלט , אַז גאָט קען אונז אַזוי פערלאָזען .
אָבער מעג מען דען אַזוי זאָגען , טאָר מען דאָס ? טאָר דאָס
אַ מענש קוקען גאָט אין די קאָרטען אריין און זיך נאָך פערזינדיגען ?
וויין דאָך אָבער נישט, איך ווער שיער משוגע .

(דאָס חליפען ווערט שטאַרקער) .

**ער :** ניין , דו וויינסט אַלץ ; אָבער זאָג אַליין, וואָס ווילסטו
זאָל איך טאָן ? זאָל איך ווערן אַ מקבל , צו עפענען אַ געהיי־
מען שענק, צו זאָל איך שרייבען דעם פעטער און מאַכען אַ
רחמנות־פּנים אין בריעף , אַז מיר געהען אוים ווי אַ ליכט . . .
שרה, איך בעט דיך , שוויינ נישט, רעד דאָך אַ וואָרט, זיי
נישט אָנ'עקשן . זעהסטו נישט , אַז איך ווער גרוי און אַלט ?
זעהסטו נישט , אַז איך האַלט זיך קוים אויף די פיס ? קומסטו
נאָך און וויינסט און צורייסט מיר דאָס הארץ .

**זי** (וויינט אַלץ) .

**ער :** וואָס־זשע בּיסטו פאַר אַ מענש, שרה, איך פרעג
דיך ! דו זעצט זיך אַנידער און וויינסט . האָבען רען יודען
נישט קיין נאָט ? גלויב מיר , שרה , פערלוירען זענען מיר נאָך
נישט . אודאי , עס איז ביטער און פינסטער , אַז מען געהט
אַרום מיט ליידיגע הענד און מ'קען גאָרנישט טאָן . זאָל איך
געהן אַרבייטען אויפ'ן טאָג ? איך ווייס אַליין נישט, וואָס אָנ־
הויבען צו טאָן ; ווען איך הויב מיך אָן צו דערמאָנען , אַז עס
קומט דער ווינטער און מיר האָבען נישט אפילו וואָס צו פּע
זעצען . אונזערע חכמים זאָגען : יש תקוה — ווייס איך, וואָס

איז דאָס פאַר אַ וועלט. מענשען געהען אַרום און האָבען נישט, וואָס צו עסען, נעחאַי וואָלט געווען עפּעס צו פערדריענען. זשאַלעווע איך דען די כחות? אָט דאָ נישט לאַנג האָב איך גערעדט מיט אברהם'ן, ער זאָל מיך נעהמען אין מיהל אַריין. האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר אויגען... איך זאָג דיר, דו קענסט נישט מענשען — חיות, אמת'ע חיות. פון יושר שמועסט מען נישט, אָבער אַזוי, רחמנות האָבען, אַריינ-געהן אין יענעמ'ס לאַגע און זאָגען: יענער איז אויך אַ מענש און מוז אויך לעבען. איך זאָג דיר, ווען איך וואָלט נישט קיין מורא געהאַט פאַר גאָט, וואָלט איך געזאָגט: פע, גאָרנישטאָ... חאַטשי לעג זיך אַנידער אין מיטען גאַס און שטאַרב, חאַטש געה שרייַ. אַ וועלט איז דאָס מיט מענשען, ס'נישט אויסצו-האַלטען פאַר וועהטאָג. (ער גיט אַ חליפּע; רעדט ווייטער): אָ, זעהסטו-אַז מען רעדט מיט אַ יודענע, ווערט מען אַליין אַ יודענע; וואָס-זשע איז דאָ צו וויינען? איך זאָג דיר, אַז נישט היינט, איז מאָרגען, גאָט מוז העלפען און וועט העלפען. איז שוין גאָר נישטאָ קיין שומר ומציל? איז שוין גאָר נישטאָ קיין בעל-רחמים? פערשטעהסט, עפּעס זענען מיר דאָך מענשען און מען מוז גלוי-בען אין השגחה. ביסטו דען נישט אַ יודיש קינד און האָט דיר דען דאָס דיין מאַמע נישט געלערנט? איך פערשטעה נישט, וואָס איז מיט דיר, שרה: זעצסט זיך אַנידער און וויינסט. הימעל און ערד זענען אויף דיר געפאַלען און די זון וועט שוין קיינמאָל נישט לייכטען. מיר האָבען נישט פון וואַנען אַ טאָג איבערצוקומען, איך ווייס; אָבער דעם בטחון אויף גאָט דאַרף דער מענש נישט אָנווערן. אַ מענש מוז שטאַרק זיין און זיך נישט מיאש זיין. אַז איך בין געווען אַ יונגעל, האָב איך גע-הערט אַ מאמר: אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם — דאָס איבעריגע האָב איך שוין פערגעסען. דער עיקר איז, אַז ווען אפילו אַ שאַרפער שווערד ליעגט אויפ'ן האַלז, קען נאָך אויך קומען די ישועה. און מיינסט דו, אַז דעם כלל ישראל איז גוט? עפּעס זענען נאָך היינט אויך דאָ אַ סך גזירות. דו פערשטעהסט, אַ ביסעל איז איטליכער יוד אַ פסוק פון דער גרוי-

סער סדרה גלות. יאָ, ווען מיר וואָלטען געווען אין ארץ־ישראל! אָבער דאָרטען זענען ערשט די ריכטיגע קבצנים, וואָס זיי לעבען פון דעם, וואָס מיר וואַרפען אין פושקע אַריין. יאָ, איך זאָג דיר, גיה פערשטעה גאָט׳ס דרכים און ווי אַזוי ער פיהרט די וועלט און וואָס ער מיינט זיך מיט אונז יודען און מיט איטליכען איינציגען. אַ גוי האָט נישט אַ טויזענד חלק פון די אַלע צרות, האָטש ער איז אַ גוי; אונז האָט מען אַזוי פיעל צוגעזאָגט, און מיר ווערן פערשוואַרצט און אויסגעריסען כל ימינו. שרה, דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, אז איך הויב זיך אָן צו דערמאָנען פון אַלעמען און דערצו האָבען מיר שוין נישט קיין ברויט אין שטוב.

(דאָס חליפען געהט איצט איבער אין אַ קול און עס שיסט אַלע מאָל אַרויס).

**ער**: „שרה, דו הרג׳עסט מיך מיט דיין וויינען — הערט זיך זיין קול העכער — איך בעט דיך, הער אויף, הער אויף. וואָס ווילסטו האָבען פון מיין לעבען, וואָס ווילסטו פון מיר. — ער שרייט: — הער אויף צו וויינען די מינוט, ווען נישט, נעהם איך אַ מעסער און שנייד מיר איבער דעם האלז. ווער קען אויסהאַלטען מיט אייך, איהר קענט אייזען אומוואַרפען. וואָס איז אַזאַ געוויין אויף דיר. ס׳אונז שלעכט, זעהר שלעכט, אמת איז אמת, זאָל איך מיך זעהן אויפ׳ן אָרט בעגראָבען, צי זאָל איך מיך אַריינוואַרפען אין אַ קרעניצע. רבונו־של־עולם — מען הערט איהם אַרומגעהן אין חדר — וואָס האָסטו מיר געגעבען פאַר אַ ווייב? וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? איך האַלט נישט אויס! איך וועל לויפען און שרייען. שרה, הער אויף צו וויינען אויף דער שטעל, וואָרום, אַז נישט... זעהסט דו, ווי דו האָסט מיך אַריינגעבראַכט אין כעס אַריין. בין איך דען געוועהנט אַזוי צו דיר צו רעדען? גאָט, וואָס האָסטו מיך געשטראָפט!

(זי חליפעט אַלץ).

**ער** (צו איהר, שוין אַנדערש): „זאָל איך זיך צו דיר אַניידערזעצען. פערקעהרט, טאָמער טראַכט׳ן מיר אינאיינעם אויס וואָס צו טאָהן, דאָס וויינען וועט דאָך נישט פיהרען צו גאָר

ניִשט. טאָמער זאָל איִך פאָרט געֱהן אויפ׳ן מארק, טאָמער קריִג איִך ערגעץ אַ צעהנעריִל און דו עפּענסט דיִר אויף אַ קלײַטעל. גלויב מיִר, שרה, איִך וויִל דיִר ניִשט אויסרעדען, אָבער טאָמער האָט גאָט פאָרט אויף אונז רחמנות. וואָס וויִלען מיִר פון איִהם? האָטשע טרוקען ברויט; צעהן גיִלדען אַ וואָך און דיִר אַ לײַבעל אויף וויִנטער. קיִנדער האָבען מיִר ניִשט. אלײַן אויף דער וועלט און קײַן פת לחם ניִשט. די בושה אלײַן, זיִך מוטשען און מוטשען און גאָרניִשט האָבען, אפילו אַ בהמת האָט איִהר עסען, און אַ מענש ניִשט, ניִשט...״

(עס שיִסט אוים מיִט אַ געוויין, און מען הערט זײַ ביידען לאַנג חליִפּען).

# שמועסן.

I.

# אויף אַ קאַטאָוועס און אויף דער'אמת'ן

## אדער

## אַ כלה מיט צוויי חתנים.

---

אָ דאָס האָט מיר אַמאָל אַ לעהרער פון זיך דערצעהלט געמיינט דערמיט ביי מיר נושא חן צו זיין. ער איז אַ גאַנצער יאַ טעבע דאָס פון צווייֵ רובל אַנ'אוראָק, און רופט זיך באָ־ רים מאָיסיי עוויטש זילקאָווסקי.

אַזוי ווי איינער פאָהרט אַריין מיט'ן דישעל, האָט ער ביים ערשטען פּאַפּיראָס אָנגעהויבען: „דאָס האָט זיך געטראָפען אין אַ שטאָדט, וואָס איך קען. דאָס מיידעל האָב איך אויך געקענט; זי איז געווען אַ שוואַרצ'חנ'עוודי'ע און איז אַלעמען געפעלן; מיר אויך אַ ביסעל. מיין טאָוואַרישטש שימחאָוויטש — גאָרנישט צו זאָגען. ער איז אָבער בטבע אַ גרויסער שלימזל־ ניק אין ענין פון ליעבע. פונדעסטוועגען הערט ער נישט אויף אַלעמאָל אַנ'התחלה צו מאַכען. אַז ער האָט אַלע מיידלעך ליעב, וואָס ער זעהט זיי, נאָר קאָן מען ביי זיי קיינמאָל קיין עק נישט דערגעהן. זאָגט ער עפּיס, לאַכען זיי. און אַז ער שטעהט שוין יאָ אויף אַ שטיקעל לאַד, קעהרט מען איבער דעם שמויס, און ער איז פון יענער זייט טהיר... ער מיינט עס אַלעמאָל אין האַרצען אויף דער'אמת'ן און ער טראַכט ביי זיך: ס'איז סקוטשנאָ, אַז מע האָט נישט וועמען ליעב צו האָ־ בען. געהזשע, טו מיט זיך גלאַט אַזוי אַ שידוך, ווי פאַסט דאָס עפּעס היינטיגע צייט. האָט ער שוין יאָ איינע ליעב, וויל

זי גאָרנישט. זאָגען זאָגט זי דאָס אפילו נישט אַזוי אַקוראַט; פערקעהרט, בשעת זי זידעלט זיך מיט איהם, בעט זי איהם, ער זאָל צו זיי קומען; קומט ער, איז מען, דאַכט זיך, פרעה־ליך, מען גיט זיך אַ דרעה, אַ שפּרונג. אָבער דאָס האַרץ זאָגט, אַז דאָס מיינט מען גאָרנישט איהם... אַי, פּאַרוואָס אַנ'אַנדערן יאָ און איהם נישט, אָ דאָס איז טאַקי די גרויסע שאלה. און ווען ער פלעגט צו מיר אַריבערקומען נעהמען אַ בוך, האָט ער ליעב אין דעם דאָזיגען וואָפּראָס מיט מיר צו קלערן. „גאַנטשאַראָוו, זאָגט ער, האָט געהאַט אין דעם ענין אַ שטאַרקען קוק". זאָג איך צו איהם: „אַז דו וועסט נאָך אפילו צעהן מאָל ליעבען, וועסטו נאָך תמיד דעם תוך נישט וויסען". זאָגט ער צו מיר: „איין מאָל מוז מען דאָך וויסען". ענטפער איך איהם: „אָ דאָס איז דער הסרון, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט וויסען, ווען דאָס איינע מאָל איז". חקרנ'ען אהין און אהער, חאַפּט ער זיך ביים לאָפּ: „היינטיגען זומער מוז ער ווערן אַ חתן, ווען עס זאָל איהם קאָסטען דאָס לע־בען". „נאַ, דו וועסט נאָך דעם ווינטער אויך דערלעבען; אָבער איך בעט דיך, האָב אויף מיר רחמנות און שפּרינג נישט אַריין אין אַ מולטער". אַזוי זענען מיר זיך צוגאַנגען. איך האָב איהם נישט געזעהן אַ חודש כסדר. איך האָב מיך אפילו געפרעגט: וואָס דאַרף איך איהם האָבען? אַז ער קומט נישט, זאָל ער נישט קומען".

ער איז אָבער יאָ געקומען. אין דער פריה איז דאָס געווען. איך בין נאָך געלעגען אין בעט. ער שפּרינגט אַריין מיט אַ פרייד: „פּאַניע זילקאָווסקי, איך האָב עס!" — „וואָס האָסט דו?" — „קוק מיך אָן און טרעף!" — „איך וויל נישט טרעפען, אַז דו ווילסט, דערצעהל". — „דו זאָלסט עס טאַ־קי תכף וויסען, איך בין שוין, ווי אַ שטיק חתן". — „וואָס הייסט אַ שטיק?" — „וואָס איז דאָס פאַר אַ פרעג, פרעג מיך בעסער איבער דעם מיידעל". — „דאָס מיידעל איז מסתמא אַ שענע". — „אַ שענע! מענש איינער, אַ קראַסאַוויצע, איך האָב זי שרעקליך ליעב". — „איז דאָך גוט". — „אַ שאלה!"

„וואס זאל איך טאן? — „וואס-זשע טראכסט דו צו טאן?" —
איך קום אלע טאג אהין נאכ'ן עסען און רעד". — וואס-
זשע וועט זיין דער סוף?" — „דער סוף וועט זיין, איך וועל
זי נאכמעהר ליעב האבען, איך זאג דיר, זי איז גאר וואזשנא,
אנ'אנטיק". — „איז זי א הויכע?" — „יא". — „א ברונע-
טע?" — „פון וואנען וויסטו?" — „ווילסטו זי מיר וויזען?" —
„אודאי, א דאס בין איך טאקי צו דיר געקומען". — „שוין
היינט?" — „פארוואס נישט היינט? לאמיר היינט אהין געהן
נאכ'ן אנבייסען". „איך זאג דיר, שימחאוויטש, זאג איך צו איהם
פלוצלונג, פאלג מיך, נעהם מיך נישט מיט"... — „ביסטו
משוגע? איך וויל זי דיר אבער וויזען". — „לאז אזוי זיין,
אז דו ווילסט".

„דעם אייגענעם טאג זענען מיר אהין געגאנגען. איך האב
אנגעטאן דעם סורדוט. טאקי באמת א שענע בארישניע...
אין דריי טאג ארום זענען מיר דארט נאך אמאל געוועזן. די
אנדערע וואך אלע טאג... מיר דאכט זיך, זי האט שימחא-
וויטש'ן גארנישט ליעב. וואס-זשע טו איך דא? מענש, איהם
נישט און דיך יא; אזוי איז די מעשה. דאס איז גאר נישקשה.
איך זאג צו רעוועקא דאווידאוונא איינמאל: „וואס האלט איהר
פון איהם?" — „גארנישט האלט איך פון איהם". — „וואס-
זשע טויג אייך די מהותנ'עשאפט?" — „מחותנים זענען מיר
גארנישט, אבער אז ער קומט און ברענגט מיר ביכער צום
ליינען, וואס ארט מיך דאס?" — „ער האט אבער א גוט הארץ,
איך קען איהם." — „גוט הארץ, וואס טויג מיר דאס, אז
דער גאנצער מענש איז בסך-הכל א נאר!" אזוי זענען מיר
געזעסען בנעימות און האבען גערעדט. ער איז געוועזן אי-
בערגליקליך, אז ער האט געזעהן, אז זי געפעלט מיר. פאר-
וואס נישט? א שען מיידעל, נאך מיין גוסט. וואס טויג זי
שימחאוויטש'ן? — איך וויל אייך דערצעהלען בקיצור. נישט ער
איז געווארן דער חתן, — צו מיר האט מען געשיקט..."

## II.

# די קלײַנע השגה.

„טויזענדער יאָהר זאָלט איהר לעבען, גאָט זאָל אײַך העלפען וואוהין איהר וועט אײַך קערען און ווענדען, איהר זאָלט האָבען נחת פון אַלע אײַערע קינדער און קינד׳ס קינדער, און איהר זאָלט אײַך עלטערן אין עושר און אין כבוד און זאָלט האָבען גרויס הצלחה. איך ווייס גאָרנישט, מיט וואָס זאָל איך אײַך דאנקען פאַר דעם, וואָס איהר האָט מיך דער־לעבט מיט ווײַב און קינדער, גאָט האָט אײַך צוגעשיקט צו דער צײַט, און אַז ער וויל, געפינט ער שוין זײַנע מענשען. איך האָב געמיינט, די וועלט איז אויף מיר געפאַלען. האָט איהר דען אַ השגה, ווי אַזוי איך האָב געבידעוועט? עפּעס אַ קלײ־ניגקײַט צו זיצען צוויי יאָהר אָהן פרנסה מיט פיער קינדער, אויפגעגעסען האָבען מיר זיך, איך און מײַן ווײַב. אַז מ׳וויל, בין איך געווען געהרגעט. מען קען זיך דאָך נישט נעהמען און זיך געהן צושנײַדען, אַז ס׳איז נישטאָ פון וואַנען; און אַז מען וויל, איז זי געווען געהרגעט. מילא, איך בין אַ מאַנסביל און געה אַרום אין גאַס און פערגעס זיך; זי זיצט שטענדיג אין שטוב און זעהט צו דעם דלות. — און ישכּר למוד צאָהלען, ווי האָב איך דאָס געקאָנט, מ׳זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד, קיין גאַנץ העמד אויפ׳ן לײַב. אַז איהר וואָלט נישט דעמאָלט געווען מיר נעגעבען די שטעל פאַר צעהן גילדען די וואָך בײַ־

אײַך אין דער טאַקסע, ווײס איך אַלײן נישט, װאו איך װאָלט געװען אַצינד אָנגעשפּאַרט, ס'איז מיר אויסגעקומען נעהמען די טאָרבע און גען אין די הײַזער, איך און מײַן ווײַב. וויל איך דען אײַך זאָגען אַ חנופה? אָבער איהר האָט מיך אויפגעהויבען פון דער ערד ביז אין הימעל אַרײַן, אַז איהר האָט מיך געשיקט רופען און האָט צו מיר געזאָגט: „בעריל, אַז דו ווילסט, וועסט אַ נאמן בײַ מיר אין דער טאַקסע". אַז איך וויל! דערקוויקט האָט איהר מיך און האָט אין מיר בשעת מעשה אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה".

„אודאי, עס איך מיר אָב דאָס הארץ מיט אונזערע קצבים, און איך האָב געננוג פון זײ אויסצושטעהן די וואָך. אַ סדרה גנבים און קענען אַ מענשען אומבריענגען. דערפאַר אָבער, אַז ס'קומט פרײַטאָג, ווײס איך, אַז איך האָב מיר מײַנס און עס מיר דעם שבת במנוחה, און אַ שטיקעל פיש אויך מיט ווײַן אויף קידוש. און וועמען האָב איך עס צו פערדאַנקען? אײַך, רב שלמה'ן; יאָ, פריהער גאָט און נאָכדעם איהר האָט מיך ווידער אויפגעריכט. איך ווײס עס און פיהל עס, וואָס איהר האָט מיר געטאָן. דאָס וועל איך קײנמאָל נישט פערגעסען, און אַז איך וועל אפילו ליגען אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און מ'וועט מיך בעוויינען, וועל איך אַלץ טראַכטען, וואָס איהר, רב שלמה, זענט מיר געוועזן".

„איהר ווײסט, איך שפּאָר נישט מיט'ן געזונד. שוין אַז ס'הויבט אָן טאָגען, לויף איך אין די יאַטקעס און הויב אָן צו וועגען דאָס פלײש און לאָז מיך מבוזה און מבזה זײַן, אײדער ס'זאָל איבערגעהן אײַערם. די פינגער וואָלט איך געקענט מיר אָפּהאַקען פאַר אײַער אַ גראָשען. בײַ־נאַכט אַז איך ליג שוין אויסגעטאָן, טראַכט איך אַלץ, ווי היט מען אָב אײַערס; די שוחטים זענען אײַך כלומר'שט גוטע פרײַנד און וואָס זײ ווינשען אײַך הינטער אײַער פּלײצע, מעג זײ געשעהן. דער רב האַלט זיך נישט מיט אײַך, ווי עס בעדאַרף צו זײַן, און אין דער שטאָדט זענען זײ אײַך אַלע דם שונאים, פאַרוואָס איהר האָט מוסיף געוועזן אַ גראָשען אויף אַ הון און אַ קאָפּיקע אויף

א גאנז, צי אויף א פונט פלייש, און די אָרימע לייט, זאָגען זיי, קענען שוין גאָר קיין פלייש נישט עסען, ס׳גאָרנישט צוצוקומען. יאָ, געה זיי יוצא פאַר אונזערע אַחרימיוועֶר, אז זיי קענען גאָר האָבען טענות, פאַרוואָס איהר גיט זיי נישט אַרויס דאָס געלד פון דער סמעטי, אויף דער באָד צי אויפ׳ן בית־המדרש; צו נעהמען זענען זיי בעלנים, און אַז עס קומט צו געבען, טראַכטען זיי אויף אייך אויב כל עונות ופשעים שבעולם. איך שווער אייך, איך האָב אַליין געהערט, אַז איינער האָט געזאָגט, פרעגט מיך נישט ווער, אַז איהר האָט ליעב דער שנור, אזאַ שגעון!"

„זאָל איך מיך געהן קריגען מיט איטליכען בעזונדער און יענעם פערשטאָפּען דאָס מויל! מילא אַז דו רעדסט, רעד און ווער דערוואָרגען, אָבער אַרען אַרט׳ס מיך; און אַז איך הער, אַז מ׳רעדט אויף אייך, גיט עס מיר אַ שטאָך אין האַרצען. אָבער טראַכטען טראַכט איך מיר: איטליכער מענש, וואָס גאָט האָט איהם געהאָלפען, האָט שונאים און עס מוז אַ פּנים אַזוי זיין. אפילו איך בין דאָך אודאי נישט קיין עושר. אָבער זייט דעם איך בין געקומען, דורך אייך, אויף אַ שטיקעל לאַר, האָב איך אויך שונאים, וואָס גינען מיר נישט דעם ביסען ברויט אין מויל, און אַז זיי וועלען מיט אייך רעדען, ווער ווייס וואָס זיי קענען אויף מיר אויסטראַכטען. — אויף בייזע צונגען איז אַ קשיה. איך זאָג אייך, רב שלמה, איידער זיך אַלץ נעהמען צום האַרצען אָדער גאָר ווערן אין כעס און זיך אָבעסען די לונג אויף איטליכעם, צי גאָר געהן זיך אַריינלאָזען מיט יעדעם, איז שוין בעסער, מ׳לעגט אַריין די האַנד אין בוזעם און מ׳שטעלט דאָרט זיי אַלע אַ פייג... האָב זיי אַ שוואַרץ יאָהר מיט זייערע מיילער, אין וואָס זיי טשעפּען זיך אָן צו איינעם און הערן גאָרנישט אויף. און אַז איך וויל, הער איך אָט די אַלע רעד, ווי דעם פאַראיאָהריגען שניי. דער עיקר איז, אַז דער מענש טוט זיך זיינס און האָט זיך זיינס. איך שעץ זיך גליקליך און ווייס נישט, מיט וואָס דעם רבונו־של־עולם אָבצולויבען, אַז איך בין געוואָרן איינער אַ

מענש און קען אייך פאר א בעל־הבית און איך האב מיר נעבען אייך מיין חיונה. עס פאלט אויף מיר א פחד, ווען איך הער, אז אליקום געציל׳ס וויל אייך אויסדינגען די טאקסע; בעסער זאל ער זיך צוברעכען די הענד און די פיס, דער הונט! עפעס נעהמט ער זיך אן דער שטאדט׳ס קריווודע. נעכטען זיץ איך אין קלויז, הער איך, ווי איינער זאגט צום צווייטען, לשון־הרע וויל איך, אפילו, נישט רעדען, אז איהר האט אוועקגענומען ביי אייער יונגערן ברודער די ירושה און האט זיך נישט געוואלט סטארען, אז ער זאל נישט געהן דיענען, וויים איך, א נעכטיגער טאג! ווי איהר זעהט אויס אין מיינע אויגען, זאל איך האבען אזא יאהר״.

„מיינט איהר, אז איך האב חס־ושלום עפעס קעגען אייך, פארוואס איהר האט מיר נישט געוואלט מוסיף זיין א האלבען גילדען א וואך, אז ס׳איז געווען אבגעפאלען דאס ערשטע יאהר, אז איך בין ביי אייך? אודאי, וואלט מיר דער האלבער גילדען גוט צו נוץ געקומען, עס ווערט אלעמאל אלץ טייערער און טייערער, אבער איך זאג מיר, אז ווען נישט איהר, וואלט איך דאך נארנישט געהאט. און שטילערהייד זאג איך מיר: נישקשה, רב שלמה האט א גוט הארץ, און אז ער וויל, איז ביי איהם א האלבער גילדען א שפיי, און ווען איך האב נאך פארט נישט די הוספה, איז אודאי נאך נישט געקומען די צייט דערצו. איך פרעג אייך, וואס בין איך און ווער בין איך, איך זאל חס ושלום זיין א מהרהר אחרי מדתכם! קענט איהר מיך תמיד אין זינען האבען ביי אייערע עסקים, קיין עין־הרע? און אין פלוג וויל איך גארנישט פון אייך, איך וויל נאר, אז איהר זאלט אייביג לעבען און איך זאל זיין ביי אייך און אייך זיין געטריי. צי וואס דען בין איך דא? און צו וואס האט מיך גאט בעשאפען? דער תענוג ביי אייך צו זיצען שבת צו נאכט און צו טרינקען אייערם א גלאז טיי פון סאמאוואר! רב שלמה, שיקט מיך אין פייער אריין, וואוהין איהר ווילט, איך בין גרייט צו אלעמען, אבי צו טאן אייער רצון״.

## III.

# שדכנים.

„דער גוטער יאָהר זאָל איַיך קענען! וואו האָט איהר איַיך אַרומגעטריבען ביז אַהער? אויסגעזוכט האָב איך איַיך, וואו איהר ווילט אַליין, ביַי חיים׳ן און ביַי יענקלע׳ן און ביַי בערלע׳ן און ביַי איציק׳ן. די פּיס בין איך מיר אָבגעגאַנגען און מיַין רב נחמן איז נישטאָ. חאָטש עק זיך. איך פרעג איַיך, אַ יוד אין איַיערע יאָהרען, וואָס האַלט איהר נישט אויס דער היים? איהר טראַכט אודאי: וואָס האָב איך דען פערלוירען, אַז איך בין ניט געווען אין דער־היים, און איהר טראַכט גאָרנישט, טאָמער זענען שוין יונה׳ס מחותנים געקומען נאָך היַינט אין דער־פריה? שטעהן שטעהען זיי איַין ביַי ראובן פּעסיס. וואָס קוקט איהר מיך אָן? איהר האָט היַינט גענומען אַ קאַפּיטשקעלע צו זיך און פערביסען מיט אַ גלעזיל בראָנפען; יאָ, מאַכט זיך אַ האַרץ, דאַכט זיך, ס׳האַלט ביַי קאָנטשען און ס׳נאָך דאָ גענוג צו טאָן... אַ טאָג האָב איך, נישט אַמאָל אָנביַיסען האָב איך צײַט געהאַט צו עסען. וואָס געהט מיר אין זין? וויל איך לויפען צו די מחותנים און דאָרט געבען אַ טאַפּ, טראַכט איך מיר, דו קענסט זיי דאָך גאָרנישט, און טאָמער פערפלאַפּעלסט דו דיך נאָך... אודאי שריַיב איך די בריוועליך, אָבער דער געדאַנק איז איַיערער ווי תמיד, און דאָ קענט איהר די זאַך אַרום און אַרום פון אינווענינג און פון אויסענווענינג און איהר ווייסט שוין וואו אָנצוהויבען און וואו אויפצוהערן. טו איך זיך מיר אַ שפּרונג צו יונה׳ן, זיץ איך דאָ אפשר אַ פערטעל־שעה

און ער זיצט אין דער הינטערשטער שטוב, איך זיץ ווי אויף שפּילקעס און וואַרט שוין, אַז ער זאָל אַרײַנקומען, ווי מען וואַרט אויף משיח׳ן. מײַן יונה קומט אַרײַן און זאָגט: אַי, בן ציון, דו בּיסט עס; איך זאָג איהם, רב יונה, ווי הײַסט, איהר ווייסט גאָרנישט — זײַ זענען דאָך שוין דאָ. ער, געצויגען אַזוי: — אַ כּלל... דער מענש איז ווי איבּערגעבּיטען. גאָרנישט צו דערקענען, ערשט יענע וואָך איז ער אויסגעגאַנגען נאָכ׳ן שידוך, אצינד, אַז די מחותּנים זענען שוין דאָ, מאַכט ער מיט מיר פּאַני פּעריל און רעדט געצעהלטע ווערטער. קומט, אויפ׳ן וועג וועל איך שוין אײַך אַלץ דערצעהלען. דאָס האַרץ האָבּ איך מיר מיט איהם אָבּגערעדט און ער בּלײַבּט בּײַ זײַנס. זאָג איך צו איהם: איהר זאָגט דאָך גאַנץ אַנדערש, ווי איהר האָט ערשט אײַערנעכטען צו מיר געזאָגט. זאָגט ער צו מיר: דו ווילסט מיר אײַנרעדען אַ קינד אין בּויך? טענה איך: סטײַטש, איהר האָט מיר דאָך בּפירוש געזאָגט, איך זאָל יענעם אַזוי און אַזוי שרײַבּען; זאָגט ער: נחמנ׳ען האָבּ איך אָבּער גאָר להפך געזאָגט און איהם האָבּ איך געזאָגט דעם אמת. וואו איז נחמן? נחמן האָט מיך אַרײַנגענאַרט אין אַ זאַק אַרײַן און אַצינד בּעהאַלט ער זיך. אַז נחמן וועט קומען, וועט ער פון מיר שוין האָבּען. איך קען נחמנ׳ען און נישט דיך. פערשטעהסטו, אָבּער נחמן האָט קײַן העזה נישט זיך צו ווײַזען. איך זעה, אַז ער וויל ווערן אין כּעס, וואָרום אַזוי איז איהם אויסגעקומען. איך אָבּער ווער נישט בּטל, רוק צו דאָס בּענקעל און זאָג: יונה־לעבּ, זאָגט אַלײַן, האָט איהר זיך גוט אַרום און אַרומגעפרעגט און ס׳איז אײַך אין אַלעמען געפעלען. געפעלען אַהין, אַהער, ת״ק קערבּליך גיט ער און נישט מעהר אַ גראָשען, האָטש שטאַרבּ, און אַז איהר ווילט, מאַכט ער זיך גאָרנישט פון גאַנצען שידוך: מיט מײַן מײדעל האָבּ איך קײַן דאגה נישט... זאָגט ער. אָבּער, גזלן אײנער, שרײַ איך, די מחותּנים זענען שוין דאָ און זיצען אויף דער סטאַנציע און איהר מאַכט עסקים. אַזוי, זאָגט ער, מיך מטראַשעט איהר מיט דעם? אַז איך וויל, ווער האָט זײַ געבּעטען

קומען, מײַנטװעגען קענען זײ צוריק אהײם פאָהרען, זײ זאָלען מיר געזונד און שטאַרק זײַן. הױב איך אָן װידער מיט גוטען: יונה, האָט דאָך שכל, ס׳דאָך דער בעסטער שידוך פאַר אײַך און איהר מעגט אײַך שעצען גליקלעך, אַז אַזױנס האָט זיך צו אײַך אָנגעשלאָגען. ס יונגעל אַנ׳אַנטיק, גאָט און לײַט װעלן אײַך מקנא זײַן פאַר איהם, און די משפחה — (איך האָב דער־װײַל פערגעסען, אַז יואל׳ס טאַטע איז אַ שטאַרקער פּראָסטאַק). צו זײַן אַנ׳אײניקעל פון משולם זיסא ראָחמיסטראָװקער געהט אױך נישט צו־פּוס... װערט ער אױף דער׳אמת׳ן אין כּעס: װאָס בין איך עפּעס פון הינטערן אױװען? בײַ מיר איז אײַער גאַנצער יחוס װערט אַ שמעק טאַבאַק. שיעור איז מיר געלעגען אױף דער צונג: אײ, פּע! װאָרום אין דער׳אמת׳ן — נעהמט ער מיך אָן בײַם קלאַפּ און זאָגט מיר: בן ציון סערדצע, ס׳פּוס־טע זאַכען. ת״ק קערבליך גיב איך נדן. אַז איהר װילט קענט איהר אַריבערגעהן אהין און זײ דאָס זאָגען. זאָג איך: װאָס װעלן זײ זאָגען, אַז ער האָט גערעדט שטענדיג פון אַלט הונ־דערטער? זאָגט ער: גערעדט איז עפּעס אַנדערש און צוזאָגען איז עפּעס אַנדערש און געבען איז װידער עפּעס אַנדערש... זאָג איך: װאָס־זשע שאַדט אײַך, אַז איהר װעט צוזאָגען מעהר? שיסט ער אױס אַ געלעכטער און לאַכט נאָך, און איך זיץ און ס׳פּאַלען פון מיר שטיקער פלײש".

„הקיצור, די מחותּנים זיצען דערװײַל אױף דער סטאַנציע און װאַרטען. ס׳איז שױן געװען פון דאָרט אַ משרת׳ל זאָגען, אַז זײ װילען זיך נאָר איבערטאָן און זיך אַ ביסעל אױסרוהען, זײ זענען געפאָהרען אַ גאַנצע נאַכט. קלײנשטעדטילדיגע! האָבען קײן שכל נישט צו דינגען אַ בריטשקע און קומען צו פאָהרען װי מענשען, מוזען זײ קומען אין אַ פּראָסטער פוהר מיט גױעשע פערד. איהר קענט יונה׳ן, בײַ איהם איז האָנער! אַז יענע אָבער װאָלטען געשפּילט דעם נגיד און געקומען מיט׳ן קנאַק און גענומען פערד פון דער פּאָטשט און דער אָנטרײַבער, נישט קײן פּראָסטער גױ, נאָר אין אַ באַשליק, װאָלט ער קײן צװײ װערטער נישט גערעדט. װאָס מיך אַרט, איז דאָס זײַן עקשנות.

אַז סך הכּל וועט ער אפשר אין אַ יאָהר אַרום אײַנלײגען רי״ש און אויף דאָס איבּריגע אַ חתימה׳לע, וואָס איז נישט ווערט קײן צוויי גראָשען, גלאַט אַזוי נעהמען אַ מענשען און איהם אַרויסציהען די קישקעס. דעם טאַטענס ירושה לײגט ער צו, אַז ער זאָגט צו״...

„וואַרט, אַ חוץ דעם איז נאָך דאָ אַ קלײנער צוגאָב... אַז דאָס משרת׳ל פון ראובנ׳ען איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך יונה אויפגעהויבען און געטאָן אַ זאָג: וואו איז אסתר׳ל? פאַרוואס טוט זיך אסתר׳ל נישט אָן? פאַרוואָס ווײַזט זי זיך נישט? שטעלט זיך אַרויס, אַז די כּלה האָט זיך פערקיהלט. טוט איהר וועה דער קאָפּ. שײנע מעשׂיות! מיר קענען דאָס, וויל נישט גײהן אין חדר אַרײַן. אַי, טאָמער אויף דער׳אמת׳ן, — וואָס האָט זי נעבּעך קײן צײַט נישט געהאַט דערצו? מוז איהר פּונקט הײַנט אויסקומען, ווי אַנ׳אָבּרעדעניש. יונה שרײַט און איז געערגערט: בתיה, וואָס איז בײַ דיר פאַר אַ מאָדעס? בתיה קומט אַרײַן, דאָס טשיפּיקעל שטעהט איהר אויפ׳ן האַלבען קאָפּ, און איז אויסער זיך: דער לעקיך איז נאָך נישט פאַרטיג, — אַזוי, זאָג איך מיר, מען האַלט שוין בײַם לעקיך, דאָס איז גאָר אַנ׳אַנדער לשון... בתיה אָבּער טענה׳ט איהר׳ס: דאָס איז נאָך נישט צוגעגרײַט, יענס איז נאָך נישט דאָ. נאַט אײַך אַ שטאָדט פּאָקיטילאָוואַ; ניט אַמאָל פרישע בּילקעס איז נישטאָ צו קריגען בײַ דער בּעקערקע, פאַר הינער מוז איך צאָהלען אין טאָג אַרײַן, מילא צאָהלען — צאָהלען, זאָל חאָטש זײַן רעכטע, און פיש? נאָך פיש האָט מען געמוזט אַוועקשיקען אַ שליח קײן אָקסאַנענע, אָהן פיש שרײַבּט זי נישט קײן תּנאים...

יונה רופט זי אַוועק אין אַ זײַט און הויבּט אָן צו טענה׳ן וועגען אסתּר׳ן: וואו איז אסתּר? וואָס מאַכט זי פאַר אַ הויות? זי טורמעלט עפּעס, וואָס איך פערשטעה נישט. איך הער איהם: זענען בײַ דיר קינדער, אַז זײ האָבּען זײער קאָפּ, זײ געהען גאָר אין זײערע אײגענע דרכים... קום איך צו און וויל מיך אָנהויבען אַרײַנצומישען, גיט יונה אַ רוף: אַ וואו איז נחמן! נחמנ׳ען וואָלט מען אַצינד בּעדאַרפען צו האָבּען, און

ווי בתיה אויך: נחמן איז א בריה אין אזעלכע זאכען... דער שמש קומט, און מען הויבט אן איהם אויפצורעכענען; א יונגעל קומט און שלעפט א לאנגע באנק, א געשריי, א געפילדער. אלץ וואו איז נחמן? און איך שטעה דא ווי א ליימענער גולם. עפענט זיך אויף די טהיר און עס קומט אריין דער פעטער זרח מיט דער ברייטער בארד: „וואס שרייט איהר? קומט און זעצען מיר אונז צום טיש". ער הויבט אן טרייבען לצנות: האט דער חתן האטש א גאנצע נאז, אויף נחמנ׳ען איז א קשיה, א וואו איז דען דער שיעבעניק? טאמער איז גאר פון יענעם צד אויך א מיידעל? גיט אהער דערוויילע צו ביסלעך בראנפען, וועלען מיר טרינקען לחיים. יונה חזר׳ט אלץ איבער: וואו איז נחמן? די יונה׳טע געהט ווידער אריין און זאגט: יונה, האסט דו געשיקט נאך נחמנ׳ען? נחמן, נחמן, נחמן, און מיך אמפערט מען איבער... האב איך מיך ארויסגעחאפט און בין זיך געגאנגען לעת-עתה זוכען".

„בדיעבד וואלט איך געוואלט וויסען, רב נחמן, איז דארט צווישען יענע מחותנים אויך נישטא אזוי א מין פוינגעל? טאמער הויבען זיי אן זייערס. זיי ווילען, ראכט זיך, געבען שוין אויף א הונדערטער מתנות. אז ער אבער גיט ווייניגער, וועלען זיי אויך אלע געבען ווייניגער. געשריבען האב איך זיי אין לעצטען בריעוועל פון צוויי: הרבני הנגיד מו״ה יונה און הרבני הנגיד אציקלאץ, זאל זיין לכל-הפחות פון צוויי מינים; ווילען זיי דוקא יונה׳ן, מוזען זיי דאך נאכגעבען און זיך נישט נאריש מאכען. און דעם חתן קענט איהר? מען זאגט, ער איז א תמ׳עוואטער. איהר ווייסט, די כלה איז א היינטיגע... טראגט ער האטש א געפרעסטען קאלנער? עס וואלט דאך געווען גלייכער, איהר זאלט אריבערגעהן אהין צו יונה׳ן — איך לויף אריבער צום רב און וויל איהם געבען א וואונק, ער זאל דערווייל אריבערגעהן צו די מחותנים, א ביסעל שמועסען... א דרייערל וועט עס סיי ווי סיי נעהמען, צי צוויי, קאליע וועט ער נישט מאכען".

„יא, היינטיגע יאהר׳ען קומט געגוג שווער אן, איידער

מען פיהרט צוויי צונויף אינאיינעם. דערנאך מוז מען זיי חוי-
דער אנהויבען אויסגלייכען און ווידער רעדען און מיט די
מיידלעך האט מען אויך צרות און איידער מען דערלעבט צו
זעהן דאס מזומן צעהנער׳ל, האט מען גענוג שפיכת-דמים״.

„מען זאגט, אז שדכנות איז אזא מסחר, וואס מען לעגט
אין דעם נישט ארײַן; אבער דאס געזונד לעגט מען אין דעם
ארײַן.

## IV.

## א גוטער ברודער.

— ישראל, איך וויל דיר עפעס דערצעהלען. איז קיינער נישטא ביי דיר אין קלייט? איז דיין משרת'ל אוועקגעגאנגען? דו זאלסט אבער קיינעם נישט דערצעהלען. הער אזא מעשה! איך זעה, דו שטעהסט ווי אויף קוילען. אויף וועמען ווארטסטו? מיר קענסטו זאגען. וואס מיינסטו, ישראל, צו פישעל סאסים? וועט ער האבע א קרום? א מענש שטעלט זיך אנידער און פערקויפט אונטער קרן. ווי איז ביי דיר געוועזען דער יריד? איך קען מיך, דאנק גאט, נישט בעקלאגען, צוויי און דרייסיג קערבליך גלאט איבערגעצעהלט און נאך עפעס מינץ. דו וואלסט געמעגט זעהן א שפע. קיין הענד האב איך נישט געהאט. — אויף צו-להכעים בעדארף איך אצינד צו האבען צוויי און זיבעציג קערבליך. אזוי איז דאס; וואס סע קומט אריין מעהר געלד, מוז מען האבען מעהר סחורה. — קויפסטו נאך תמיד אין אומאן ביי חיים'ן אין ראטהויז? איך האב מיך פאמעלעך אריבערגעקליבען צו קראנסקי'ן אויף דער ניישטאדט; ביי איהם איז אלץ אגולנע און ער איז נישט אזא פלוט. אי, ער שערט זיך די בארד, דאס איז ניט מיין באבעס ד'אגה. אזעלכע לייט זענען רוהיגער אין מסחר און זיי בעהאנדלען דיך אויך, ווי א מענש... אי, חיים מאנט מיך געלד, א מגירה אויף איהם. קארג האט ער ביי מיר איבערגענומען פיער

יאָהר כסדר. אַז איך וויל, קומט מיר נאָך פון איהם אַרויס. דו וואָלסט געמעגט זעהן קראַנסקי׳ס צוקער און זיין טהיי פּאַ־פּאָוו׳ס. פאַר צוויי חדשים קומט איינער און רעדט מיך צו, איך זאָל קויפען וויסאָצקי׳ס. פון מיינעטוועגען זאָל זיין וויסאָצקי׳ס, אַבי סע זאָל שטעהן אויפגעשריבען פּאָפּאָוו, אַ דאָס רויטע סימני־דיל. אָבער וואָס שטעהסט דו, ווי אַ קלאָץ און לאָזט נישט אַרויס אַ וואָרט? ווי האָסטו געקאָנטשעט מיט שמחה ליפּא׳ן, מכח דעם זאַלץ? איך פרעג דיך, ווי לאָזט מען זיך אַריין לכתחילה מיט אַזאַ מענשען. דו ווייסט, איך בין תמיד אויף דיין זייט... אויך הינטער דיין פּלייצע בין איך שטענדיג פאַר דיר, ווי דו זעהסט מיך לעבען. נאַפשיקלאַד, גיב מיר דאָס צו פערשטעהן, פאַרוואָס היטסט דו דיך פאַר מיר? וואָס האָסט דו תמיד מורא, אַז מע זאָל נישט אויסחאַפּען. עפּעס זענען מיר דאָך אַלע מענשען; אָבער דו שטעהסט און שוויַיגסט. פון דיר אַ וואָרט מוז מען ציהען מיט אַנ׳אָבצוועגנ. איך פרעג דיך, זענען מיר נישט פון תמיד אָן גוטע פריינד? קום אַהער און גיב מיר די האַנד... איך זאָג דיר, פאָלג מיך און האַלטען מיר אינאיינעם, וועט אונז ביידען זיין גוט. אָבער איך זעה, דו ריהרסט דיך נישט. דו ביסט אַ פּנים היינט אויפגע־שטאַנען אויף דער לינקער זייט. אַ פליי האָט דיך געביסען. טרויסט נישט אַ גוטען פריינד. אָבער אַ הונט גלויבסטו. דו מיינסט, איך ווייס נישט פון יחיאל׳ן און פון שמואל׳ן? האָב נישט קיין מורא: מיר בעדאַרף מען נישט פּיקען די צונג. אַז איך וועל נישט אַכטונג געבען אויף דיר, ווערסטו קומען אויף אַ שענעם אופן. ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגען? לאָמיר ווערן שותפים פאַר דאָס יאָהר אין האַנדעל, צי מאַכען מיר יד־אחת אין זאַלץ, כדי מיר זאָלען קענען האַלטען קענען לייבע׳ן און פּיני־יען... אַזעלכע פּאַרכעס! נעהמען מיר צו מיינע קונים און גאָר־נישט, טרעף, וועמען איך האָב נעכטען געזעהן? חיימ׳ן. חיים פּיציס. ער געהט זיך אַרום מיט׳ן שירם און בסך־הכל זאָגט מען, אַז זיין אָנזעץ איז נישט וועניגער ווי דרייהונדערט קערבּ־ליך. איך שטעה ביי איהם מיט פופצעהן קאַרבען, און ער שיקט

נאָך אַלץ צונעהמען אויף בּאָרג. איך זאָג דיר, אַז איך וואָלט נישט געהאַט דעם פּראָסטען גוי, אָהן חכמות. מ'ווענט איהם אָב, נעהמט ער אַרויס דאָס פּאַטשײליכעל און בּעצאָהלט, — וואָלט איך געקענט שען אָנשפּאַרען. דו און דער הערינג האַל־טען מיך אויף די פּיס. בּײַ דיר איז אַנדערש, דו בּיסט קיין עין־הרע אַ בּעל־שפע. פאַר מיר וואָלט אפשר אויך געווען בּע־סער, אַז איך וואָלט נישט געהאַט צופיעל עסקים. איך זאָג דיר, די צאָהלעכצען... וואָס ווייסטו פון צרות, אַז בּײַ דיר ליעגט נאָך שטענדיג איבּעריג. איך קען נישט האַלטען דאָס געלד פערשלאָסען; זעק איז זעק, קוילען איז קוילען, צוקער איז צו־קער. אָ דאָ איז מיר אײַנגעפאַלען, אַז מײַן ווײַב איז הײַנט אין דער־פריה אַוועקגעפאָהרען קיין אַחרימאָווע אויף קבר־אבות! קום צו מיר אויף דער נאַכט, וועל איך הייסען אויפשטעלען דעם סאַמאָוואַר און מיר וועלן זיך זיצען געמיטליך. קענסטו מיר נישט לײַען בּיז דאָנערשטאָג פערציג קערבּליך? איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך בּעדאַרף הײַנט צו צאָהלען. אַז דו וואָלסט וועלן צו מיר צושטעהן צום האָניג; וואָס האָסט דו פון דעם, אַז דאָס געלד ליעגט און פוילט בּײַ דיר אין קאַס־טען, איך וויל דיר, חס־ושלום, נישט צורעדען, דו קענסט מיך: אַ וואָרט איז אַ וואָרט. אַז איך זאָג בּיז דאָנערשטאָג, קענסט דו אויף דעם בּויען, ווי אויף שטאָל און אײַזען! אָבּער גערה רעד מיט דיר, שטעהסט דו אין קוקסט מיך אָן, ווי איך וואָלט דיר דערצעהלט בּאָבּע־מעשיות. אי, אַי, ישראליק, דו מיינסט, איך קען דיך נישט, איך קען דיך, ווי אויסגעבּאָדען. איך ווייס אפילו, וואָס דו טראַכסט אין האַרצען; דו טראַכסט דיר: זאָל איך זאָגען, איך האָב אַצינד נישט קיין פערציג קערבּ־ליך אינאײַנעם, צי זאָל איך זאָגען, איך בּעדאַרף אַליין האָ־בּען? זאָל איך זאָגען: קום שפּעטער צי קום מאָרגען? זאָל איך זאָגען: איך גלויב דיר נישט, ווי טוט מען עס אימיצען אין די אויגען — יאָ, ישראליק, דאָס טראַכסטו זיך... אָבּער איך בּעט דיך, מאַך נישט קיין שהיות און גיב אַהער דאָס געלד. גיב חאָטשי אַ פינף־און־צוואַנציגער, טאָמער קום איך

אויס, אָבער אַ פינף-און-צוואַנציגער מוז איך האָבען. חיי איינער בעדאַרף לעבען. איך זאָג דיר, דו וועסט מיך דערהאַלטען ביי דער נשמה, אַז דו וועסט מיר געבען."

„אָבער טאָמער ווילסטו, איך זאָל דיר געבען אַ וועקסעלע? ווער האָט דאָס געהערט, מ'זאָל געבען אויף אַ גמילות חסד אַ וועקסעל? שעם דיך, אַ יוד זאָל נישט וועלן טאָן דעם אַנדערן אַ טובה; אַ שען פנים וואָלט געהאַט די וועלט, אַז אַלע וואָלטען געווען, ווי דו ביזט, און מורא געהאַט אַרויסצוגעבען פון דער האַנד, ווי דו. וואָס קוקסט דו מיך אָן, ווי אויף איך וואָלט געווען דער'הרג'עט דעם טאַטען? בין איך אַ גזלן פון וואַלד און וויל פשוט פון דיר אויסנאַרען דעם פינף-און-צוואַנציגער, כדי דו זאָלסט האָבען צו דערצעהלען? זאָג מיר, ווער האָט גערעדט פאַר דיר אויף מיר? ווער קען פון מיר דערצעהלען שלעכטס? פערקעהרט, פרוב איינמאָל און זעה, ווי ס'איז גאָלע לשון-הרע אויף אַ מענשען. אַז דיין שטאָט אין קלויז וואָלט געווען נעבען מיינער, וואָלטען מיר געקענט תמיד פלוידערן; איך זאָג דיר, איך האַלט נישט אויס פון מיינע צוויי שכנים יחיאל'ן און אברהם'ן אין קלויז. דער קוקט תמיד ביי קריאת-התורה אין חומש אַריין און דער אין תהלים אַריין, און איך זיץ און האָב נישט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען... איך בעט דיך, ישראל, ציה מיר נישט אַרויס די קישקעס און גיב מיר דעם פינף-און-צוואַנציגער, איך נעהם זילבער צי אפילו קופער. איך שווער דיר, אַז איך וועל דיר אָבגעבען דאָנערשטאָג. דאָס איז ביי מיר הייליג ווי מיינס אַליין. וואָס אַרט דיך, וואָס זיי רעדען אויף מיר, מאַך נישט קיין העויות און גיב..."

## V.

# ער וויל אַ חלק.

„חאַפּט דיך דער רוח, וואָס האָסטו דיך צו געטשעפּעט צו מיר נעכטיגען טאָג? ווער האָט דיר איינגערעדט, אַז איך וויל האָבען דיין מיהל און וויל דיר אַריינקריכען אין גרגרת אַריין? דו מיינסט אודאי, איך בין דיר מקנא, און גיה אַרום טאָג און נאַכט און טראַכט אַלץ, ווי דינג איך אויס ראובנ'ן די מיהל? אַז איך וואָלט געוואָלט דינגען אַ מיהל, וואָלט איך געקענט האָבען צעהן פאַר איינע, און צו וואָס דאַרף איך האָבען פּונקט דיינע? אַי, וואָס דרעה איך מיך ביים פּריץ? ראשית, איז דאָס נישט דיין פּריץ און אַז איך וויל, האָב איך אויך אין איהם אַ חלק און בין גאָר מיט איהם אַ ביסעל מחותנ'עשאַפט, וואָרום מיין טאַטע האָט געקענט זיין פאָטער און האָט ביי איהם אַמאָל געקויפט גערשטען; און שנית, ווער זאָגט דיר, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבען ביי איהם דרעהען. זעהסטו, אַז דו וואָלסט געהאַט שכל, וואָלסטו פאַר מיר גאָר קיין מורא נישט געהאַט, און נאָר מיט מיר געהאַלטען. צי וואָס בין איך שלעכטער פון יוסיל שעיה'ס? צי פון למך'ן? היינט איז אַ וועלט, וואָס איטליכער מענש האָט אויגען, און זעהט מען, אַז דיר בעקומט פּידאַרסקי, גלוסט זיך אויך אַ רעד טאָן גראָד מיט איהם. דעם פּריץ איינשליסען אין זיין פּאַלאַץ און ביי דיר בע-

האַלטען דאָס שליסעלע קענסטו אויך נישט. און הזקה איז היינט נישטאָ. ווי זאָגט מען, אדם קרוב לעצמו, איטליכער מענש וויל פערדינען און זוכט דעם פערדינסט, אַ וואו ער געפינט איהם... גלאַט כשר געפינט מען נ׳ערגעץ נישט. און אַז מ׳דערגעהט צו אַ מעמד פרנסה, מעג מען שוין עסען פון אַ סרכה... פאָלג מיך און מאַך מיט מיר באַלד בשותפות, און גיב מיר אַ הלק אין מיהל. איך וויל דיר גאָרנישט אויסדינגען. אסור! אָבער שווערען קען איך נישט, אַז איינער קומט און דינגט זי דיר יאָ אוים. איך זעה, דו גלאָצט אויף מיר מיט אַ פאָר אויגען. בערעכען, אַז איך בין דיר לחלוטין נישט קיין שונא. נויטען, נויט איך דיך נישט, און אַז איך וויל, קען איך האָבען אַנ׳אַנדער מיהל און דיינע אויך. איך לויף דיר נישט נאָך. אָבער בערעכען אַליין, געלד האָב איך און קרעדיט האָב איך, און די טבע מיינע איז נישט קיין שלעכטע. מיט מיר קומסטו תמיד אוים און אונזערע ווייבער וועלן אויך אינאיינעם אויסקומען. אַציינד זאָג מיר נאָך גאָרנישט און מאָרגען אויך נישט און איבערמאָרגען אויך נישט, אָבער פון היינט, אין אַ וואָך, קום איך צו דיר דו קענסט אויף מיר בײַ אַלעמען פרעגען. שונאים האָב איך אודאי, ווער האָט דען נישט קיין שונאים? אָבער מורא האָב איך פאַר קיינעם נישט. איך רעד מיט דיר, ווי מ׳רעדט צו אַ גוטען פריינד. ווי זאָגט מען, זאָל עם ליעבער זיין בהיתר, ווי באיסור, פאָדלע בין איך נישט, און דו וועסט נאָך זעהן, אַז איך בין אַ סך בעסער, ווי מ׳זאָגט אויף מיר.״

# VI.

## קלאָרע דבורים.

„דו הולטאי, דו ממזר, דו, שגץ, דו כלב, דו הונט איינער, דו, דו, דו, וואָס האָסטו געוואָלט האָבען פון מיין זוהן! דערטאַפּסט אַ יונגעל אויפ׳ן גאַס און גיסט איהם אַ פּאַטש. פאַרוואָס? ער האָט זיך געטשעפּעט צו דעם קדיש דיינעם? זאָלסט האָבען אַזאַ יאָהר מיט דיין זוהנעניו איינאיינעם, דו פאַרשייווער איינער, איך וועל דיר געבען, ביי מיר וועסטו שען אָבקומען. די ביינער וועל איך דיר צוברעכען, זעהסט, דאָ אויף דער שטעל, פּאַטש איך דיך אויס; וואָס זנאַטשעסטו ביי מיר מיט דיין טרפה׳נעם פרצוף. ווינט ביסטו דו ביי מיר, פערשטעהסטו? אַוועק פון דאַנען, וואָרום ווען נישט, איז דיין לעבען נישט זיכער. קענסט מיך געהן לאָדען. איך וועל דיר ווייזען, ווער איך בין און וואָס דאָס הייסט שלאָגען מיין קינד. וואָס קוקסטו מיך אָן? פערשטעהסט נישט, וואָס מ׳רעדט צו דיר? איך וועל דיר געבען אין מאָרדע, וועסטו שוין פערשטעהן. אַזאַ חזיר און אָנזעצער. דו מיינסט, מ׳קען דיך נישט, פון וואַנען ס׳קומט אַרויס דיין ווייב? פון גנבים. וואָס איז געוועזען דיין טאַטע? אַ מסור. וואָס ביזט דו? אַ הונט, וואָס לויפט אַרום אויפ׳ן גאַס; צעהן מאָל ערגער פאַר אַ הונד ביזטו. די ציינער וועל איך דיר אויסברעכען. דו חצוף איינער, דו פּאָדלע

שבפאָרלע, ביזט ערגער, ווי א גוי און א משומד! האָט איהר געזעהן א מענשען? שטעהט דאָ, ווי ס'אַרט איהם גאָרנישט; ווילסטו אציגאַר טיטון, ברודערוניו, פיין און וואויל? פרוב נאָך איין מאָל אָנריהרען מיין זוהן, וועט דיר פערגעהן הערען און רעדען. אויף פראָך וועל איך דיך צוריבען, דו וועסט מיך האָבען צו געדענקען לדור-דורות. טשאָרט זנאַיעט, וואָס ביזט דו פאַר א מענש; קוקסט מיר אין די אויגען און מיינסט, איך שמיר דיר פוטער אויף ברויט. ביי מיר ביזטו שוין אָנגעקומען. איך זאָג דיר: היט די ביינער פאַר מיר, מיט מיר זאָלסטו דיר נאָר נישט אָנהויבען, עס וועט דיך קאָסטען דיין לעבען. דאָס שווער איך פאַר גאָט!

— „האָסט נעקאָנטשעט? דאָ האָסטו מיין ענטפער.“

א פּאַטש! איצי דער זאָנער פון אַלדעם, האָט געחאַפּט פון פיני'ן צוויי פּעטש.

— „וואָס הייסטו! — שרייט איצי אויף א קול.

— „שא, שא, אָדאָ האָסטו נאָך איינעם, א צוגאָב!“

# צווישען אייגענע.

## I.

# מיט מאָס.

„חנה, איך זאָג דיר, דו וועסט מיך אומברענגען מיט דײַן אויסברענגעכץ. יאָ, וואָלט איך חאָטשי פערדיענט, דאָס וואָס איך האָב, וואָלט מיך אויך געאַרט דײַנע קויפּעלצען און דײַן פּיהרעכץ, וואָס דערצו מוז מען האָבען ממון קרח און צו זײַן סנדר'ל לוין און נישט יונה שמואל'ס: אָבער אַז איך לעג גאָר צו, מוז דרעהען מיט אַלע אברים הפנימים און חצונים, כּדי צו אַרבײַטען? דו בּיסט אַ יודענע, און אַז דו האָסט דיר דײַנע נעננ, אַלעמאָל אַ נײַ קלייד און אַלעמאָל דער בת-יחידה דײַנער אַ נײַע שמאָכטע, מײַנסטו, בּיזט דער שני למלך און ווײַסט גאָר פון קײַן גרענעץ נישט. איך מוז אָבער צאָה-לען און מוז זיך האַלטען פּינקטליך; און צאָהלסטו נישט פּונקט אויפ'ן טאָג, צוברעכסטו דיר דײַן נאָמען און בּיזט אויף אײַ-בּיג אַ שברי כּלי. איך ווײס, מ'מוז אַרויסגעהן, ווי אַ מענש און מ'מוז פּיהרען אַ שטוב, מ'מוז זיך נישט אײַנמאָל געבען אַ קניפּ אין בּאַק, כּדי מ'זאָל אויסזעהן רויט. אָבער אַלץ האָט אַ שעור. אַ דײַזשקע פול מיט רענדליך שטעהט בײַ מיר נישט און די מסחרים הײַנט זענען נאָר צום צולעגען."

מילא, פאַר דיר גיב אוים, אָבער וואָס שטופּסט דו אַלץ אין די קרובים דײַנע... איך זאָל מיר דאַרען דעם קאָפּ

און ניִשט רוהען אַ מיִנוט, ווארום איִך ווייס, וואס איִז דער טייַטש געלד, און וואס הייסט געלד, אַז מ׳האט דאס ניִשט, אָדער מ׳האט דאס, און סע גיִט גיִך איין שאָקעל, און מ׳האט דאס ניִשט מעהר. און זיי קומען צו דיִר, מאַכען אַ קרום פנים און נאַרען פון דיִר אויס, וואס דו האסט; ס׳איִז מיִר אַ רייַנער חדוש, וואס דו האסט נאָך דאס ציִרונג זיי ניִשט אַוועקגעגעבען, ס׳איִז אַ גליִק, וואס פעסיע וואוינט נאָך ניִשט איִן אונזער שטאָדט, און חיה און דבור׳קע. אָבער ווייס איִך אַ וואו איִך האַלט? פון דאָרטען קומט אויך אַלעמאָל אַ בריִעוועלע...

„און דו מיינסט, ס׳איִז ביי מיִר אַ קרעניִצע? דו ווערסט תמיד זאָגען יונה גיִב, און דיין מאַן נעהמט דאס שליִסעלע, שליִסט אויף דאס שופלאָדעל און גיִט... האסטו גאָר קיין רחמנות ניִשט אויף מיִר? פערשטעהסטו ניִשט, וואס ס׳קומט אַרויס פון אויסבערגגען? האסטו ניִשט געזעהען, וואס ס׳איִז געוואָרן פון הערשעלע׳ן און פון חיים׳ן און פון יקותיאל׳ן? און ווער איִז שולדיִג? אודאי, גאָט קען מען ניִשט אָנחאַפען פאַר די פיִס, און ווען ער וויִל אַרומוואַרפען, וואַרפט ער איִהם אַרום, אָבער זיִך ברייט מאַכען און זיִך פערלאָזען אויף נסים, אַז דאס געלד וועט שוין תמיד קומען צו דער רעכטער צייט, טאָר מען אויך ניִשט."

„וואס וויִל איִך דען פון דיִר? וויִל איִך דען דיִך איינשפּאַרען איִן אַנ׳אַלקעריִל און דיִר זשאַלעווען דאס לעבען? ווייסט, איִך האָב אַליין פיינט קמצנות, און אַ וואו מ׳דאַרף געבען, גיִב איִך; איִך העלף אויך אַ מענשען און אפיִלו אַ פרעמ־ען, אָבער אַלץ מוז זיין מיִט מאָס, מיִט מאָס."

## II.

# אסתר בעריל'ס.

„אַ קלאָג אין דיינע ביינער, וואָס ביזטו פאַר אַ מאַן? געהסט אַרום און טריליערסט און הויבסט נישט אָן אין זין האָבען, אַז מיר דאַרפען האָבען געלד אויף האָלץ. אַנדערע מענער לויפען אַרום און רוהען נישט אַ מינוט, און אַ וואו ס'דאָ צו פערדיענען פערדיענען זיי און רייסען פון די דעכער; און נאָר ער האָט צייט און טוט גאָרנישט. אַ פאָטער ביזטו, משטיינס געזאָגט, חצק'לי געהט אַרום מיט אויסגעדרעהטע שטיוועליך, חנה'לי געהט אַרום אין אַ צוריסען קליידעל, אַז ס'איז אַ בזיון, און איהם זאָל עס אָנהויבען אַרען. איך דרעה מיך אַרום, קאָך, מעלק, נייה, פערריבלט, האָסטו מיך געזעהן זיצען איין רגע לייידיג? אָבער דו האָסט צייט צו אַלעמען. געהסט דו דאַווענען, דאַווענסט דו נאָר. געהסט דו צו אַ מענשען, איז איידער אָנהויבען באַלד פונ'ם עסק, זעצט ער זיך אַנידער שמועסען און שמועסט נאָר. וואָס ס'האָט ביי יענעם פּאַסירט, מוזטו אַלץ וויסען און אַלץ אויסהערען און ס'איז דיר נוגע איטליכעס פינטעלע. אָבער וואָס אַרט דיך, אַז דיין קוה גיט נישט קיין מילך, צי אַז פון דער פסח'דיגער דייזשקע איז אַרויסגעפאַלען אַ אַ קלעפּקע; און דאָ מוז איך שטעלן באָרשטש און האָב נישט קיין קליינען. אַנ'אַנדער מאַן שעהמט זיך נישט, נעהמט דעם

זאַק אויף די פּלײצעס און געהט אין מיהל אַרײַן. פאַרוואָס מוז איך דאָס זײַן דער עבד כּנעני און דו בּיזט דאָס אײדימעל? דאָס בּיסעל װאָרימס מוז איך דיר צוטראָגען. גאָט בּעהיט, ווען די זופּ איז איבּערגעזאַלצען, צי די קאַרטאָפלעס זענען צו האַרט. קען איך מיך דען צורײַסען? און שמשון הגבּור׳ס גבורה האָבּ איך אויך נישט; דו ווײסט, אַז איך הוסט... גיסט דו דען אַמאָל אַ פרעג: אסתּר, וואָס מאַכסטו? אַ האַרץ האָסטו, און טוט מען אַ פרעג אין שטאָדט, האַלטען זײ דיך פאַר אַ גוטען. אַ פערקעהרטע וועלט. איך און חוה די שוועסטער מײַנע! געה זעה, ווי חוה לעבּט, אָבּגעהיט פונ׳ם מאַן און געטראָגען אויף די הענד. און וואָס זי זאָגט איז געזאָגט, און וואָס זי בּעדאַרף צו האָבּען, האָט זי; נאָר איך ווער פערוואָגעלט מיט דיר שוין דרײַצעהן יאָהר און האָבּ נאָך קײן גוטען חודש מיט דיר נישט געהאַט. און דאַכט זיך, אײן מאַמע האָט אונז געהאַט".

„איך פרעג דיך אַלײן, הײַנט האָבּען מיר פּאַוואָלענקע דינסטאָג, מאָרגען איז מיטוואָך, און בּאַלד קומט שבּת. דאָס ווײַסע מעהל איז שוין בּאַלד נישטאָ. שולדיג בּין איך אין אַלע קלײטען. עס בּרענט מיר דאָס פּנים נאָך אַמאָל צו שיקען נעהמען אויף בּאָרג. און דו שאָקעלסט מיט׳ן קאָפּ און טראַכסט דיר: אַ נעכטיגער טאָג. דאָס זאָגט זי תּמיד, איך ווײס שוין."

„און איך זאָג דיר, און דאָס זאָג איך דיר צום לעצטען מאָל, אַז דו וועסט זיך נישט נעהמען אין די הענד אַרײַן און וועסט נישט אָנהויבּען עפּעס טאָן, נעהם איך די קינדער און פאָהר אַוועק אין אַן׳אַנדער שטאָדט. וואָס האָבּ איך צוצולעגען? איך בּין סײַ ווי סײַ אַן׳אַלמנה־חיה און דער גאַנצער עול איז אויף מיר. דו לאַכסט און מיר שטעכט דאָס אין דער זיבּעטער ריפּ. גאָטוניו זאָל דיך טאַקי אַוועקנעמען פון מיר און איך זאָל בּלײַבּען אויף דער׳אמת׳ן אַן׳אַלמנה".

זי וויינט.

III.

# מוטער און טאכטער.

---

דו ביסט א נאריש מיידעל און פערשטעהסט נישט אזעל־כע זאכען; מעגסט דיך האלטען פאר א חכמה. חאטשי איך בין נישט קיין געלערנטע און מ׳האט פאר מיר נישט געצאהלט די לעהרערס, ווייס איך מעהר פון דיר; א מאמע האט דעם ריכטיגען קוק... דו מיינסט, ער קומט צו דיר גלאט אזוי, מיט דיר שמועסען פון קענטניבצען, און איהר זיצט ביידע אינ־איינעם, דו א מיידעל פון אכצעהן יאהר און ער באלד נייגצעהן — און גארנישט. ווען דו ווייסט, אז ער קומט, פוצט דו דיך אויס און קוקסט אין שפיגעל: וואס פאר א מיידעל קוקט נישט אין שפיגעל? מ..ום ביזטו אויך נישט. און האט איהר א ובוח און ער קומט אריין אין רעדעניש, נעהמט דיך אן ביי׳ם האנר אין דו ווערסט רויט, מיינסטו, איך האב מורא, אז ער וועט דיך אבבייסען? אבער דער עיקר איז נאר, וואס וועט זיין דער תכלית. נעהמען וועט ער דיך נישט. דו ביזט א מיידעל אהן געלד, און א מיידעל אהן געלד נעהמט נישט אזוינער. די מאמע זיינע שניידט זיך, צו בעקומען פאר איהם א נגיד׳ישע טאכטער. א האלבער געקאנטשעטער איז ער, און זיין טאטע איז אויך נישט קיין ארימאן; פארוואס זאל ער נישט קריגען די פאר טויזענד רובל נדן? און מיר קענען דיר נישט געבען

קיין נדן. דו ווייסט: דיין טאַטע האָט נישט ליעב צו קמצ׳נען; וואָס מיר פערדינען, גיבען מיר אוים; פון גרויסע מיוחסים קומען מיר אויך נישט אַרוים; וואָס זשע זאָל אַרויסקומען פון זיין קומען? און אַלטונג געבען אויף אייך קען איך אויך נישט תמיד, און אַ מיידעל מיט אַ יונגעל אַליין לאָזען פאַסט אויך נישט. מילא, איך בעדאַרף דיך נישט צו לערען. אַז דו זאָגסט, אַז דו האָסט פון זיין קומען הנאה, זאָל זיין אַזוי; אָבער לייט, לייט האָבען אויגען און זעהען, האָבען אַ מויל און רעדען. און אַז מע רעדט אויף אַ מיידעל, איז דאָס גאָר קיין מעלה נישט צו אַ שדוך...״

„דו קוקסט אַלץ אַרויף, און דאָס וואָס דו ווילסט, וועסטו נישט דערגרייכען: איז נישט בעסער, אַז דו זאָלסט זיך געוועהנען בעצייטענס צו קוקען נידעריגער? פון אַכצעהן איז נישט ווייט צו נײַנצעהן, פון נײַנצעהן צו צוואַנציג און צו ווערן אַן׳אַלטע מויד. איך ווייס: אַזעלכע ווי דו קלויבען לאַנג, אָבער מיינסטו, מ׳קען זיך אויסקלויבען און נעהמען נאָר, וואָס מע וויל? און מיינסטו אַז דאָס, וואָס מע וויל, איז שוין באמת גוט? פון קענטעניבצען קען מען נישט לעבען; און אַז ס׳נישטאָ קיין מזל, העלפט קיין זאַך נישט״.

„אַז דו וואָלסט געזאָגט יאָ, וואָלט איך גערופען אַ שדכן. שפּרינג נישט אויף און קוק מיך נישט אָן מיט אַ פּאָר אויגען, גלייך, ווי איך וואָלט זיין אַ רוצח; איך ווייס, וואָס איך זאָג און וועג אָב איטליכס וואָרט. גלויב מיר, דער שדכן איז אויך אַ מענש און פערשטעהט, וואָס ער טוט. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז אַ שדכן פיהרט צונויף צוויי מענשען, וואָס האָבען זיך נישט געקענט און זיי נעהמען זיך און זענען גליקליך, און פערקעהרט, לאָזט זיך פון לובּעזעס אָפּט אַרוים אַ ראַק. די, וואָס זיי האָבען זיך קיינמאָל נישט געזעהן, אַז זיי קומען צונויף איינאיינעם און דאָס איז אַ גאַנץ נייער מענש און מ׳וויל איהם קענען און מ׳וויל איהם געפעלען, דאָס ציהט און ציהט. אָבער אַז מ׳האָט זיך שוין געזעהן טויזענד מאָל חתן־כלה־ווייז, און מ׳קען שוין אַלע קאַפּריזען און די טבע, און מ׳האָט שוין גאָר געזאָגט מבינות, ווי מ׳זאָל

זיך קעמען די האָר און געגאַנגען אינאייגנעם אין קלייט אַריין קויפען אַ שמאָכטע. איך זאָג דיר, תכף נאָך דער חתונה הויבט מען זיך אָן ווערן נמאוס.“

„איך ווינש דיר אודאי נישט אַזאַ סוף, אָבער איך האַלט נישט פון ליעבעס, און אפילו אַז ס'בלייבט שוין גוט, קען מען פון ליעבע אַליין נישט לעבען. פאָלג מיך און מאַך אַ סוף מיט די נאַרישקייטען. נעהם בעסער אַ מאַן מיט פרנסה און פון דיין מעמד. דו ווייסט, איך מיין נאָר דיין טובה און וויל נאָר דיין גליק. דו מעגסט מיר גלויבען, אַ מאַמע איז אַ מאַמע.“

## IV.

# מיט'ן איידים.

„הער נאר משה, מיין נישט, אז איך וויים נישט, ווי אזוי דו בעהאנדעלסט מיין טאכטער. א פלאטשיקע איז זי, אבער א ערליכע און בטבע א גוט קינד. זי האט גרויסע יסורים פון דיר, אבער זי שווייגט און זאגט נישט. זי וועט זיך בעסער אבבייסען די ליפען, איידער צו זאגען אויף דיר א קרום ווארט. אבער מיר בעדארף מען נישט צו זאגען... דו פערגעסט גאר, אז זי איז דיין ווייב און האט פון דיר א קינד און הויבסט אויף דיינע אויגען צו אנדערע... ווי דו קוקסט אן די דינסט, ווי דו קוקסט אן יעדע שענע נקבה, וואס קומט צו אונז. און דאס זיצט ביי מיין טיש און עסט מיין ברויט... וואס דו האסט אויפ'ן לייב איז מיינס, און וויפיעל איהר קאסט מיך אב ביידע, בעדארף איך דיר נישט צו זאגען. וואס פעהלט דיר ביי מיר, זאג אליין, איך און מיין ווייב, אלע אין שטוב האבען אייך אין זין. און וואס פערלאנג איך פון דיר — אוואזשאיע זי. פערקעהרט, גראד ווייל זי איז נעביך שטיל און איז א בייש[ן], מוזט דו זי אויפמונטערן און זי דערציהען. גוט איז זי צו דיר און פאלגט דיך, איי, וואס זי איז נישט אזוי שען? מיין ווייב, די שוויגער דיינע, איז אויך נישט שען און איך עלטער זיך מיט איהר, און אז א ווייבעל איז שוין שען, איז זי א שלאק, פוצט זיך און ברענגט אוים דעם מאן. אז איך האב דיך גענומען און בין געקומען צו דיר מיט דיר רעדען, האב איך דאס געהאלטען פאר סאוועסט

דיר אלץ צו זאגען. דו קענסט לחלוטין ניט זאגען, אז מ'האט דיך אבגענארט און דיך געפיהרט אונטער די אויערן. און אויף דער־אמת'ן וואלט מיין טאלטער געווען א פארשוין, ווייס איך נישט, צי איך וואלט דיך געוועזן גענומען פאר אנ'איידעם. א נאקעט יונגעל, אהן א טאטען און מוז געהן דינען. וואס האט מיך אבגעקאסט דאס בלויזע סטארען, אז דו זאלסט נישט דינען, און די יסורים און דאס עגמת־נפש. און אפילו הײַנט מ'לעבט אין איין ציטערן, טאמער מסר'ט מען. קומט דער און ציהט פון מיר א דרייערל, דער א פינפערל, און איך טאר נישט זאגען ניין. דו פערשטעהסט, אז דו וועסט דיר נישט נעהמען צום הארצען, וואס איך זאג דיר און דו וועסט נישט קוקען אויף דיין כבוד און אויף מיין כבוד, נעהם איך אוועק די האנד פונ'ם הארצען און גיב א שפיי. מיין טאלטער וועט נאך קריגען אנ'אנדער מאן, אבער דו קענסט ווידער ארויסלויפען בארוועס און ווידער אנקומען צו דער מאמע דיינער".

„איך זאג דיר בעצייטען, משה, פאלג מיך און הער וואס א עלטערער זאגט. איך זאג דאס נאר פון דיין טובה וועגען. ווילסטו אבהיטען דיין ווייב און זיין צו איהר, ווי א יוד בעדארף זיין צו זיין ווייב, איז ווידער גוט, און מיר רעדען נישט פון דעם, וואס איך ווייס און דו ווייסט... געהסטו אבער ווידער אין דיינע דרכים און פערגעסט זיך, ווייס איך נישט, וואו דו וועסט אנשפארען... ביי מיר ביזטו געשיצט און כל זמן איך לעב, זאל זיך איינער דערוועגען אויף דיר אנצונעבען. ביזטו אבער נישט מעהר מיין איידעם און איך לאז דיך פריי, חאטש ס'איז מיר א וועהטאג, ווייס איך נישט וואס פון דיר וועט זיין... דיר דארף מען נישט פיקען אין קאפ ארײַן, דו ווייסט, וואס איך מיין..."

## V.

## צו דער שנור.

„בתיה, מײַן נישט, אַז איך קען דיך נישט און ווײס נישט דײַן טבע פון אינוועניג און פון אויסענווענינ. בײַ דעם טאַטען דײַנעם ביזטו נישט געווען דאָס איבערשטע פונ׳ם שטײַ-סעל און מקריב זײַן האָט מען זיך וועגען דיר נישט מקריב געווען, אָבער זײַט מײַן נחמן האָט דיך גענומען און גאָט האָט איהם געהאָלפען, ביזטו געוואָרן בײַ דיר אַ פריצה. דאָס שטעהט דיר נישט אָן און יענס שטעהט דיר נישט אָן און דו געהסט אַרוים אין גאַס ווי די גרעסטע נגיד׳יסטע און דו מײַנסט, ס׳קומט דיר. אַז ער איז אַ שוטה און איז אין דיר פערנאַרט, הענגט אָן דיר און גיט דיר אַלץ נאָך, און דו, אײדער גאָט צו דאַנקען, אַז דו האָסט אַזוי געטראָפען, און דו האָסט גאָר קײן זאָרגען נישט, בלאָזט דו נאָך פון דיר, מאַכסט קונצען און האָסט נאָך טענות, און קײנער איז פאַר דיר נישט יוצא. דו ווײסט, ווי אַזוי ער האָט דיך ליעב. און אַז דו מאַכסט זיך קראַנק — און איך ווײס, ס׳געמאַכט — צאַפּסט דו איהם דאָס בלוט און ער געהט אַרום מיט אַ שווערען געמיט. ווערט דיר נישט גוט, עקט ער זיך פשוט, צו וואָס מאַכסטו אַזוינע פאָקוסען? פועלן פועל׳סט דו בײַ איהם אַלץ, אפילו אַז דו קרימסט זיך נישט. צו וואָס-זשע קרעכצסטו און דאָקטערסט זיך. בײַ לײַט לעבט מען בשלום און אַלץ איז גלאַט און בײַ אײַך מוז מען זיך תמיד אַרײַנמישען״.

„איך בעט דיך, בתיה, וואָרף אוועק די אַלע משוגעת

זײַ בּעסער אַ מאַמע צו דײַנע קינדער, און גיב אויף זײ מעהר אַכטונג, מ'זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד, דער קלײנער מוז מען נאָכזעהן דאָס קעפּעל און זי מעהר צוואָגען. אײדער צו זיצען אַ שעה פאַר'ן שפּיגעל נאָכ'ן אויפשטעהן, קוק בּעסער אויף די קינדער און גײ טאַקי אַמאָל אַרײַן אין קיך אַרײַן און אין קאַמער אַרײַן... איך הער זאָגען, אַז די דינסטען צוטראָגען אײַך. פאַרוואָס מוז מען דאָס בּײַ דיר אַוועק'גנב'ענען די הינער פון שטײַג? און האָסטו שמאַלץ, לאָזטו עס שטעהן אָפען, דער צוקער איז בּײַ דיר נישט אײַנגעשלאָסען און דו מײנסט אַז דאָס געלד מעלקט זיך תמיד. און וואָס טוסטו, אַז דאָס רעדעל גיט זיך אַמאָל אַ דרעה צוריק? קײן שונא בּין איך אײַך נישט, אָבער אַ מענש מוז טראַכטען אָן אַלעמען. בּקיצור, דו מוזט פערשטעהן שעצען, וואָס דאָס הײסט צו זײַן בּעל־בּתים'ס... בחמנ'ס ווײַב".

# VI.

## מיט דער דיענסט.

בײַ לײַטען אַ דיענסט, וואָס צאָהלען זיי און וואָס צאָהל־
איך? און ווי מ׳קומט אַרײַן אין שטוב אַרײַן, זינגט עס און
זאָגט עס אין איטליכען ווינקעלע. די חדרים זענען אויפגערוימט,
דאָס מעש איז געפּוצט, איטליכע זאַך האָט זיך איהר פּלאַץ,
אומעטום איז ריין און צילכטיג, נאָר בײַ מיר איז אַלץ קאַפּויר.
מ׳איז כסדר פערטאָן און קיינמאָל איז מען נישט פאַרטיג. אַלץ
זאָגט זי מאָרגען, מאָרגען וועל איך קאָנטשען, און מאָרגען
קומט אוים, אַז מ׳מוז אָנהויבען פון אָנהויב. איך פרעג דיך:
מוז דאָס טישעל שטעהן דאָ און דאָס בענקעל דאָ, וואָס אַרט
דיך, אַז אַלץ וועט שטעהן אויף זײַן אָרט און פאַרוואָס זעהט
מען אָן די טאַפּלעם וואָס פאַר אַ האַנטוך האָט זיי געווישט,
האָב איך דיר נישט געזאָגט צעהן מאָל, די לײַכטער שטעהען
אויבען, אויף דער שאַנק, און די לאָמפּ שטעהט אין דער פאָ־
דערשטער שטוב. קום איך אַרײַן אין קיך אַרײַן, אַ צרה איז
מיר, די שאָלעכץ פון די קאַרטאָפּעל וואַלגערן זיך אַרום אויף
דער ערד, אַז ס׳איז אַ נס, אַז מ׳גליטשט זיך נישט אוים און
מ׳צובּרעכט זיך נישט אַ פוס. די דעשקע רינט, פונ׳ם מילכ־
טאָפּ איז אָבגעבראָכען דאָס אויער. אַנטשערקעס וואַלגערן זיך
אַרום, דאָס שמאַלץ שטעהט אָבנעדעקט און די קאַץ לעקט,
און מיך קאָסט עס בלוט. פאַרוואָס אַרט דאָס דיך נישט?

חאוינסט אַלײַן אין קיך און שלאָפסט אין קיך און ס׳אַרט דיך
נישט דער שמאָדער. ביזט דאַלט זיך, פערטאָן ביז איבער די
אויערן און ס׳קומקט נישט אַרויס. און נעהם איך זיך אַלײַן צו
דער אַרבײַט און וויל דיר העלפען, קומסט דו און מאַכסט קאַ־
ליע, וואָס איך האָב געטאָן. און וואָס מ׳רעדט און וואָס מ׳טוט,
צי מיט גוטען, צי מיט בײַזען, העלפט דאָס אַלץ נישט. שעל־
טען און שרײַען קען איך נישט, אָבער לײַט קענען דאָס און
בײַ זײַ איז טאַקי אַלץ אַ סך בעסער".

Akademischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Literatur
zu
Jurjew (Dorpat).

# קליינע מעשיות.

## 1.

# דער קדיש.

(אַ בילד)

„אַ הולטאַי פון אַ יונג, קומט צופאָהרען און זעצט זיך אַנידער בײַ מיר. אַ קרובים אַ זוהן. איך זאָג, וואָס געהט מיך אָן קרובות. זי אָבער, אַ יודענע, איהר באָבע׳ס טאַטע האָט מיך אָנגעקערט מיט זײַן עלטער-זיידען, אלעזר שפרונג! און דאָס זיצט בײַ מיר און עסט, שלאָפט נאָכמיטאָג, גאָרנישט, וואָס פעהלט איהם! מײַנער זאָגט ער אַ חניפה׳לע, מיט מיר שפּיעלט ער פּאָליטיקע און פערשטעהט זיך בײַ מיר אַרײַנצונאַרען... איהר פערשטעהט, קינדער האָט מען נישט, שקוטשנע איז אַ ביסעל, אַזוינער בײַם טיש זאָגט אַמאָל אַ ווערטעל צי דערצעהלט עפּעס אַמאָל, אַז דער קאָפּ דרעהט זיך מיר פון די קוויטעס, גיב איך איהם אָבצושרײַבען און מײַנער לעגט צו קאָפּ — וואָס זאָל איך מיך פאַר איהם היטען? אַנ׳אײַגענער! אַז איך האָב צײַט, גיב איך איהם אַ טאַפּ בײַם פּופּעק. ברודערוניו, ווי שטעהט עס מיט דיר מכח אָבהיטען אַ קערבעל און צו ווײַסט דו דעם טעם פון אַ קערבעל? אָ, אויב ער ווייס, אַז ער רעדט מיר נאָך נאָכ׳ן מויל... איהר פערשטעהט, אַ שטיקעל היינטיגער איז ער, און דער שטײַגער איז פון היינטיגע צו זאָגען מוסר דעם בעל-עסקא. — ער אָבער רעכענט די פראַ-

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Literatur
zu
Jurjew (Dorpat).

צענטען און זאָל דאָס געבען אַ קנייטש מיט׳ן שטערן. און גיט
נישט אויס, וואָס איך גיב איהם. ביים עסען ווייזט ער זיך
נישט, אַז ער האָט אַ זיידענע קישקע.״

„ער הויבט מיר אָן צו געפעלן. מיינער איז שוין גאָר
נישט אָבצוגעוועהנען פון איהם, און זי זאָגט צו מיר: בעריל,
שרייב איהם צו צו דיר און לאָמיר האָבען אַ זוהן. גיב איך
מיך אַ בייזער: וואָס הייסט צושרייבען? אַ יונגעלע פון פינף
יאָהר צי אַ קליין מיידעלע, וואָס מען קען זיי צוטשעפען צו זיך
און איינרעדען, אַז מען איז זייער איינענער פאָטער און מוטער,
שרייבט מען צו, אָבער אַ יונג פון נייצעהן יאָהר, וואָס בע-
דאַרף שוין באַלד שטעהן צום פריזיוו.. גיט זי אַ זאָג, טאַקע
דערפאַר אַליין. פאַרוואָס זאָל מיין בלוט און פלייש נעהן דינ-
נען — אַי, ווי מעג מען דאָס אַ קינד צושרייבען, וואָס איז
שוין עלטער פון צעהן יאָהר, דאָס קען דאָך אפילו דער גובע-
נאַטאָר אַליין נישט פּאָזוואָליען? — אַי, זאָגט בעריל, ביי אונז
אין לאַדיזשען גיט מען זיך שוין אַנ׳עצה אָהן דעם גובערנאַ-
טאָר... אַ קיצור אַהין, אַהער, זיך טויזענד מאָל מיעץ געווען
מיט זיך אַליין, וואָרום ביי מיר איז נישטאָ חאַפּ-חאַפּ, און דאָ
הויב איך מיר אָן צו זאָגען: אַ גרויסע באָרד קריענסטו, פאַר-
וואָס זאָל דאָס, וואָס דו האָסט מיט אַזוי פיעל מיה צונויפגע-
לעגט, צוזייט און צושפּרייט ווערן אויף שבעה ימים? טו דאָס,
וואָס דיין ווייב הייסט דיר, און האָב אַ קדיש... דאָס הייסט,
איך אַליין טראַכט נישט קיין סך וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָרום
אַז מען שטאַרבט און מען לאָזט די אַפּותיקי און דאָרט דרעהט
מען זיך אַרום אין תכריכים, וואָס האָבען אפילו נישט קיין קע-
שענעס, איז דאָס איינערליי. אָבער זי מיט איהרע רעיונית און
טיקען אין קאָפּ אַריין, אַז מען מוז אין זין האָבען עולם הבא,
און לפלוג, אַז עס איז דאָ איינער, וואָס האַלט אָב יאָהר-צייט,
וואָס קען דאָס שאַדען? פאַרוואָס קריכען אַזוי ווייט? אַז ער איז
שוין ביי אונז איבער אַ יאָהר, און מען געוועהנט זיך, און פער-
לאָזען קען מען זיך אויך אויף איהם אַ ביסעל, און אַ קהל׳ס-
מאַן, אַ נעריבענער יונג, ווערט געוואָהר און קומט און רעדט

מיר דעם שידוך... הונדערט רובל האָב איך געגעבען די גנבים, אַ ריפּ פונ'ם הארץ, אַ חוץ מעקלערײַ, אָבער אַז עס מוז זײַן, און כתוב וחתום אין דער אופראַווע, אַז איך, בעריל מאָשקאָוויטש וואַלעדניקאָוו האָב אַ זוהן, וואָס הײַסט שמעון, אַנ־אמת'דיגער זוהן, וואָס איז מיר געבוירען געוואָרן אין אָ דעם יאָהר, מיט'ן טאָג און מיטען חדש, און אַ מעטריקע — אײַזען."

„איהר פערשטעהט, דאָס איז נאָך פערשריבען אין די אַלטע ביכער פון צוריק מיט צוואַנציג יאָהר, וואָס זענען שוין געווען אין דער רעוויזיע און זענען גע'חתמ'עט און אָבגעשטעמפּעלט. און אַז לײַט, וואָס לעבען פון דעם, בעקומען ווינט, גיט מען דעם אַ פינפעריל און דעם אַ דרײַעריל, און אײנער אַ מוסר־יונג האָט מיר אויסגעריסען אַ גאַנץ צעהנעריל. צוגויפגערעכענט אַלץ אינאײנעם, איז עס אַ נײַער הונדערטער, און דער טוט מעהר וועה, ווי דער ערשטער, ווארום ער איז צוביסלעך און אַלעמאָל מוז מען אַרויסנעהמען און יענעם אַוועקגעבען און בײַ יעדען מאָל אַרט דאס. און לײקענען וויל איך נישט, אַ ביסעל מרה־שחורה'דיג בין איך געוואָרן נאָכדעם, ווארום פריהער, אײדער איך האָב מיר אַרײַנגעבראַכט די מעשה, בין איך געווען בײַ מיר אַ תקיף און איך האָב פאַר קײנעם קײן מורא נישט געהאַט און אָדאָ מוז איך גוט זײַן צו איטליכען. ווארום עס פערשטעהט זיך אַלײן, אַז גאַנץ לאַדישזען ווײסט, אַז איך האָב קײנמאָל נישט געהאַט קײן זוהן, און קײנער קען זיך נישט דערמאָנען, אַז איך האָב אַמאָל געמאַכט אַ ברית. פאַר'ן פריסטאַוו האָט דאָס געהײסען, איך בין זײַנער אַ פעטער, און צו יעדען „נאָווײַגאָד" האָב איך איהם געגעבען אַ היטעל בראָדסקי'ס צוקער און אַ פונט טהײ. דאָס האָב איך מיר אַלײן צרויפגעלעגט די טאַקסע."

„און מײַן יונג פיהלט זיך טאַקי הײמיש בײַ מיר, קײן לײדיגע שאַפּעס זענען בײַ מיר ברוך השם נישטאָ, און אין דעם אײַזערנעם קעסטעלע, וואָס איז צעהן מאָל פערשלאָסען, ליגט אויך עפּעס... און קלײדען מוז איך איהם על פי הנגידים...

און ער איז גאָר שוין אַ בעלן אויף אַ רוסישען און אַ פוילישען

בּוך: נישט-קשה, עס קען נישט שאַדען, אַז מען קען רעדען מיט אַ פּריץ. — נאָר איינס איז מיר אַ פּליאה, ער איז נישט מעהר אַזאַ מתמיד אין אָבשרייבּען און קאָפּירען... און אַמאָל, אַז איך האָבּ איהם געמוזט אָבּהאַלטען אַ גאַנצען טאָג בּיי מיר בּיז שפּעט אין דער נאַכט, און איך האָבּ געמיינט, אַז ער וועט זיך פרעהען, גיט ער מיר אַ זאָג: „וואָס האַלט איהר אייך נישט אַ יונגעל?“ אַזאַ חצוף! אַז איך וואָלט געווען זיין פאָטער, וואָלט איך איהם דערלאַנגט אַ פּאַטש. נו, זאָגט-זשע אַליין, שלאָגען קען מען נישט אַזוינס און מען קען איהם אפילו נישט זאָגען קיין וואָרט און על פּי מעטריקע איז ער דיין זוהן. און בּיים עסען ציהט ער מיך שוין און דרעהט און ליבּט דוקא גוט פלייש און אַ סך. און אַמאָל האָבּ איך בּעדאַרפט עפּיס האָבּען צו יואל דייטש מבח אַנ'עסק. גיבּ איך אַ קוק: מיין יונג זיצט אין ווייַנשענק אין אַ פּראָסטען מיטוואָך בּיי אַ פלאַש וויין. איך זאָג אייך, איך האָבּ געמיינט, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען, און אַז איך בּין געקומען אַהיים, האָבּ איך מיך אָנגעהויבּען צו גריזען מיט מיין ווייבּ, אַז מיר גריזען זיך נאָך. זי האָט מיר אָנגעהויבּען זיך מודה ומתודה זיין, אַז ער הויבּט איהר נישט מעהר אָן צו געפעלען. עפּיס איז דער שמעון, ווי איבּערגעבּי-טען געוואָרן די לעצטע צייט. איינמאָל האָט זי נאָכגעקוקט פאַרנאַכט, אַז ער האָט נישט געדאַווענט און געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט יאָ געדאַווענט. איהר פערשטעהט, בּיי איהר איז דאָס גאָר קיין קאַטאָוועס נישט און בּיי מיר אויך; אַז מען געהט אַרוים חוץ לשטה, שאַדט עס אויך צום מסחר. מילא, אין בּין אדם למקום, זאָל זיך גאָט אָננעהמען זיין קריוודע, אָבּער ווייַן, אַ זולל וסובא און דאָס פאַר געלד, פאַר מיין געלד“.

„רעדט חאָטש מיט גוטען, חאָטש מיט בּייזען, ווי אַרבּעס צום וואַנט. מיין יונג ווערט שלעכטער און שלעכטער. טוט נישט פון דער האַנד אין אַ קוואָרט וואַסער, געהט אַרום פּוסט און פאַסט, רייכערט זיך דעם גוטען ציגאַר טיטון. אַז ער געהט אין אַ בּעדעל שטעהט איהם נישט אָן צו געהן בּצבּור, ווי איך, מיט נאָך זעקס יודען, נאָר אַליין און געבּען גיט ער דעם יונג

וואָס גיסט אַרײַן דאָס וואַסער, מעהר ווי איך גיב באָד-נעלד. טראָגט אַ שניפּס און אַ געפּרעסטען קאָלנער, ווי דער רײַנער פּריץ, און אַלץ פאַר מײַן בלוט״.

„אַ שטײַגער, אַז ער וואָלט נישט געווען געקומען צו מיר און וואָלט נישט געווען געבליבען בײַ מיר און מיך וואָלט נישט געווען אָנגעטראָגען דער גוטער יאָהר איהם צוצושרײַבען צו מיר, וואָלט איך דאָך איהם געהערט ווי דעם פּאַר-אַ-יאָהריגען שניי און וואָלט אפילו נישט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין בעשעפעניש אויף דער וועלט. וואָס וואָלט איך געוואוסט פון צרות, פון אַזעלכע צרות! נאָר וואָס דען, ער איז יאָ געקומען און איז געבליבען און איך האָב איהם צוגעשריבען על פּי חקי האופּראַוועס און דערפאַר מוז איך אָבקומען מײַן גאַנץ לעבען! איהר פערשטעהט, אַז מען זעצט מיר אָן, אַז אײַנער האַנדעלט מיט מיר אַ סך יאָהרען און דערנאָך פּלאַצט ער אויס: לא אשלם! אַרט דאָס מיך שטאַרק, וואָרום איך האָב פײַנט, אַז מען גיט מיר נישט אָב און האָב נישט ליעב אויסצומעקען אַ פּאָסטען פון׳ם בוך, גלאַט אַזוי מיט׳ן שרײַבפעדיל. אָבער דערנאָך זאָג איך מיר, עס ליעגט שוין אַזוי אין דער טבע, און אַז מען באָרגט צעהן מאָל, קען איינער אויך אײַנמאָל נישט אָבגעבען. זאָל ער עס אויסקרענקען! גאָרנישט, מען גיט זיך אַ שניט אין פינגער, עס רינט אַ ביסעל בלוט און עס פערהײַלט זיך. אָבער אַזאַ צרה קומט צו אײַנעם אַרײַן אין שטוב און מען עפענט נאָך אַלײַן די טהיר און מען מײַנט: ווער-ווײַס, וואָס ס׳איז געקומען״.

„און דאַן קומט אַ זאַך, וואָס איך שעהם מיך אײַך צו צו דערצעהלען. אַ נײַע דיענסט האָבען מיר צוגענומען. אַ רײַן, ציכטיג מײַדעל. זי טראָגט איהם צו די טײַ, ער קוקט אויף איהר, זי אויף איהם, איך אויף זײַ ביידע. מײַנע זאָגט: „מען דאַרף זײַ נישט לאָזען אַלײַן אין שטוב״. איך זאָג גאָרנישט. אַ קיצור, פּרײַטאָג-צו-נאַכטס, איך בין שוין געלעגען און בין געשלאָפען: מײַנער האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין קאַמער פאָרעט זיך אײַנער, זי געהט אַראָב אין אײַן העמד און וויל עפענען

טהיר פון דער קיך, ווײַזט זיך איהר אויס, אַז צווײ מענשען שושקען זיך אויפ׳ן אויווען. שווערן וויל זי נישט, אָבער זי זאָגט, עפּיס איז דאָך, נישט דאָס קול פון אײנעם, ווי פון צווײ. אויפ׳ן אויווען שטעהט פרײַטאָג־צו־נאַכטס דער טשאָלענט און דאָס מײדעל שלאָפט אויך דאָרט... מיר האָבען אונז אָנגעהויבען צו זאָגען, אַז דאָס איז אַ שלעכטער פערצײַנער מיט׳ן בחור, און אַז עס וואָלט געווען אַן׳אײגענער זוהן, וואָלט מען אודאי אַזוינס פון איהם נישט דערלעבט, וואָרום אַן׳אײגענעם זוהן ציהט מען אויף פון קינדווײַז אויף, און אַז ער געהט אַמאָל אַראָב פונ׳ם דרך, האַלט מען איהם צו. — וואָס אַ מאַמע זאָגט צו איהר בלוט און פלײש, דאָס געהט דעם זוהן אין האַרצען אַרײַן. און נעהמען אָבשאַפען דאָס מײדעל איז אַ שאָד, אַ בריה און אַ חוץ דעם קען מען איהר גאָרנישט זאָגען."

„אַ שנאה איז אין מיר אַרײַן אויף איהם, ווי איהר קענט אײַך אויסמאָלען, און מײַנע פיהלט זיך נישט גוט, ווען ער איז דאָ. דאָ זיצט אַ פרעמדער בײַם טיש און עסט פאַר דרײַ און מיר זיצען דאָ און רעדען נישט. עפּיס דאַכט זיך מיר, אַז מען מוז זיך היטען פאַר איהם. מאָהלט אײַך אויס אַ שבת צי אַ יום־טוב האָבען אַ ראָזבאָיניק בײַ זיך און האָדעווען איהם. אַמאָל, אַז גנבים זענען אַרײַן בײַ שמואל שאָלקים בײַ־נאַכט און זע־גען איהם איבערפאַלען, האָב איך מיר געטראַכט, וואָס טו איך, אַז מײַן בחור הויבט זיך אויף כחצות הליל און קוילעט מיך. אַ שגעון! און איך זאָג אײַך, אַז אָט דעם שגעון האָב איך מיר אויסגעמאָלט מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי ער קומט צוגעהן מיט אַ וואַקסענעם ליכטיל, דאָס פנים אויסגעשמירט מיט סאַזשע און נעהמט מיך בינדען. מײַנע ליעגט שוין געבונדען, און אַ פּאַטשײליכען איז איהר אַרײַנגעשטופּט אין מויל אַרײַן. טויזענד מאָל האָב איך נאָכגעקוקט, אַז איך בין געגאַנגען שלאָ־פען, אויב די שליסעל זענען דאָ אונטער׳ן קישען, און אַז איך האָב זײ נאָר וואָס געהאַלטען און זײ פערבאָרגען טיעף־טיעף, האָט עס מיך געצווינגען, זײ ווידער אָנצוטאַפּען, טאָמער האָט זיך מיר פריהער נאָר אויסגעוויזען. אפילו אין דער־פריה בײַם

ציִקאָריע האָב איך מורא געהאַט איהם צו קוקען אין פּנים אַרײַן, טאָמער, אַז ער איז אפילו רײַן און טראַכט להלוטין נישט קײן בײז, וועט זיך אַריבערשלײַכען דער געדאַנק פון מײַן מוח און אַרײַן אין זײַן מוח און זיך צוקלעפּען צו איהם..."

„איך זאָג אײַך, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אַ חודש כּסדר, קען איך אײַך גאָרנישט אויסמאָלען. איך וואָלט איהם כּוחל געווען צעהן עבירות אין קיך, אַבי איך זאָל האָבען מנוחה און דערצו קומט נאָך מײַנע און צעווײנט זיך, פאַרוואָס האָבען מיר גענומען אַ משומד אין שטוב אַרײַן? אַז גאָט הײסט נישט האָבען קײן קינדער, זאָל מען נישט זײַן קלוג. וואָס קען שוין ווערט זײַן דער קדיש פון אַזאַ מין פּאַרשוין?" אַי וואָס, נעהם און וואַרף איהם אַרויס, איז ער צוגעשריבען צו דיר און שנית וואַרפט מען נישט... איך וואָלט געדאַנקט גאָט, אַז ער וואָלט מיך נישט אַרויסוואַרפען, און דאָס האָב איך געחאוסט, אַז איך וועל אַלט ווערען זיבעציג יאָהר און וועל נישט מעהר האָבען די כּחות און ער וועט איבערנעהמען די מלוכה, וועט ער מיט מיר לערנען בלק".

„און אַצינד וויל איך אײַך דערצעהלען, ווי איך בין זײַנער פּטור געוואָרען, ד. ה. נישט אויף תּמיד אָבער אויף אַ פּאָר יאָהר, צו אײן־און־צוואַנציג יאָהר האָט מען איהם גערופען צום פּריזיוו. וואָס שטעלט זיך אַרויס? הערט און שטוינט, אַז ער איז גאָרנישט קײן בן־יחיד בײַ מיר. אַז איך בין געווען אַזוי לאַנג אַ השולכי בּנים, האָט זיך קהל מישב געווען און האָט מיר צוגעשריבען נאָך פאַר דער מעשה מיט שמעון'ען אַ זוהן, אַ יצחק, אַ בּראָדיאַגאַ, צי ווײסט איהם דער רוח. איך שרײַ: געוואַלד געשריען! זײַ זאָגען: עס איז אַ טעות, ס'איז אַרײַנגעקומען פון זיך אַלײן. דער סעקרעטאַר איז געווען שכּור און האָט געמוזט אַרײַנשרײַבען אײנעם אין יענעם בּלאַט, האָט ער איהם אַרײַנגעשריבען אין דעם בּלאַט. אַ קצור אַהין־אַהער, אַ געלויף, אַ טענה. זאָל איך נעהן דערלאַנגען אויף זײַ, וועלן זײַ דערלאַנגען אויף מיר. בּדיעבד, זאָל ער אָנווערן די לגאָטע און זאָל געהן דינען, אַי וואָס, ער וויל נישט און האָט קײן

חשק נישט? חער פרעגט איהם. — דיענען דיענט ער נעבען יארמעליניעץ און געהט אויף לאגערם און שרייבט אמאל א בריעף. איך שיק איהם אמאל א צעהנעריל, כדי איהם צו פערשטאפען דאס מויל. דער עיקר, וואס איך האב איין גע־וואלט פרעגען אנ׳עצה: איך וויל זיי ביידע מעביר נחלה זיין, די ביידע זיהן מיינע, וואס איך האב זיי קיינמאל נישט געהאט און הלואי וואלט איך פון זיי נישט געוואוסט. אז מען לעבט, דערלעבט מען".

## II.

# דריי חרשים.

(אדער דאס ענטת=נפש פון א יורען.)

---

„גאָט, וואָס זענען דאָס פאַר אַ מענשען, וואָס איז דאָס פאַר אַ דור. נעהמען אַ מענשען און איהם מוטשען. פאַרוואָס, איך פרעג אייך? שטעלט אייך פאָר, איך זיץ שוין דאָ דריי חרשים און טענה אַלץ מיט זיי: „גיט מיר אַרויס די ירושה"; לאַכען זיי מיר אין די אויגען און זאָגען: ווער ס'גיט, איז אַ נאַר. זאָג איך מיט גוטען: איהר זענט דאָך מיינע ברידער און איהר מוזט דאָך אַריינגעהן אין מיין לאַגע, אַז איך קען נישט לאָזען איבערגעהן מיינס. זאָגען זיי: מיר ווילען דען ביי דיר עפּעס נעהמען? פאָהר אַהיים געזונטערהייד און דו וועסט זעהען, צי מיר וועלן קומען צו דיר. הויב איך אָן אויף טערקיש: סטייטש, ממזרים, פאַרוואָס קומט אייך די גאַנצע ירושה? איהר זאָגט: דער טאַטע האָט מיר ביי לעב=צייט גענוג גענעבען; אייך האָט ער דען וועניג געגעבען? פערקעהרט, געהען מיר צו מענשען, צום רב, צו וועמען איהר ווילט אַליין. אַז רעד צו דער וואַנט. „וואָס טויג אונז דאָס גאַנצע לאָרעכץ, אַז מיר זענען דיר נישט שולדיג אַ קאָפּיקע". הויב איך אָן פּשוט צו שרייען געוואַלד: „איהר האָט מיך בעראַבעוועט, איהר האָט מיר אַוועקגענומען מיין חלק, איך וועל געהן אין קלויז

און וועל מאַכען אַ רעש. איך וועל נישט לאָזען אויסנעהמען״. זיי זיצען זיך רוהיג און זאָגען: „אברהם, ווילסטו אַ גלעזעל טיי? קלעמט דיר נישט דאָס האַרץ?“ איך קלאַפּ אין טיש אַריין: „הינד איהר ווילט מיר געבען שוחד? איך וועל אייך נישט שענקען, אַהער מיט דער ירושה“. זיי: „שאַ, נאָר אָהן גע־פילדער און אָהן רעש. וויפיעל האָבען דיר געקאָסט די הוצאות אַהער? זיבען קערבליך. מיר קעהרען דיר אום די הוצאות אַהער און צוריק און אַ חוץ דעם גיבען מיר דיר צוויי קערבליך — דעם ווייב, אויף אַ זיידען טיכעל אַ מתנה. פונ׳ם טאַטען וועלן מיר דיר געבען די זוהר׳ס און די משניות׳ן און פאָהר אַהיים. דאַכט זיך יוצא?“ איהר הערט ווערטער? דריי הונדערט קאַר־בען איז געבליבען במזומן און אַ האַלבע שטוב, אַ חוץ ספרים און מעש. איהר ווייסט נישט, וואָס מיין טאַטע האָט אַלץ גע־האַט. די קוה האָבען זיי איהם אַוועקגענומען נאָך ביים לעבען. זיי זענען געזעסען דאָ און האָבען איהם געציקעט און איך נאָר מוז וואוינען אין סוויטיאַץ און בין געבליבען ביים שרייען. אַ טענה האָבען זיי, אַז איך האָב חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט דער טאַטע, עליו השלום, געגעבען דעם נדן און האָט מיר מיט דעם אויסגעצאָהלט דעם חלק ירושה. פרעג איך אייך, ווער ירשה׳ט עס אַ פאָטער ביים לעבען? איך זאָג צו זיי: לאָ־מיך נאָר זעהען די צואה. זאָגען זיי: קיין צואה איז נישטאָ. זאָג איך: „עס מוז זיין אַ צואה“. „אדרבא, געה און ווייז זי“. „חכמים, איהר זייט געוועזען ביי דער קבורה און האָט זי צוגע־נומען“. „האָסטו עדות?“ „קיין עדות האָב איך נישט, אָבער ברענגט איהר עדות, אַז ס׳איז נישט געבליבען קיין צואה“. אַזוי טענה׳ן מיר אַלץ און ס׳קומט נישט צו קיין עק. אין קלויז זאָגט מען מיר: דערלאַנג! דערווייל זיץ איך ביי זיי און עס ביי זיי און שלאָף ביי זיי. איך פּרוב איינמאָל צו זאָגען: „ווייסט איהר וואָס? דאָס געלד האָט איהר צוגענומען, גיט מיר אַרויס די שטוב“. זאָגט די שוועסטער מיינע: „די שטוב האָט דער טאַטע שוין ביים לעבען פערשריבען אויף מיין נאָמען“. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ ליגען. די חתימה איז נישט די חתימה

פון טאטען. מיין שוואגער איז זיך מישב און וויל מיר געבען צוואנציג קערבליך יוצא־געלד. איהר פערשטעהט א ענין? דא עס איך מיר אב די גאל מיט זיי און מיין שוין, אז איך בין אויף א שטיקעל לאד און דא לאזט זיך אוים: צוואנציג קערבליך. דארט אין סוויטיאץ מיינען זיי: איך ברענג די אפותיקא און שארפען זיך שוין די צייהן, און איך קום אן מיט מיינע צוויי צעהנערליך. און היינט בין איך דאך נערעלט. ווער האט דאס געהערט, מ'זאל נעהמען א ברודער, דערפאר וואס ער האט נישט געוואוסט און איז נישט געוועזן אקוראט צו דער קבורה און מע זאל איהם אוועקנעהמען זיינס? איז שוין גאר קיין יושר נישטא אויף דער וועלט? איך פרעג אייך, וואס זאגט איהר דערצו!? מאלט אייך אוים, איהר זייט איך און אייך וויל מען אוועקנעהמען די ירושה? וועט איהר פערבייסען די ליפען און מאכען א שווייג? עפעס האט דאך דער מענש א גאל און סע גריזעט איהם ביז אין ביין אריין. ס'איז נישט דאס געלד אליין, נאר די עולה. אז איך זאג מיר אפילו טויזענד מאל: זיי זענען גנבים און רוצחים, פאהר אהיים און בין אלץ מפקיר, לאזט מיך עפעס נישט. עפעס איז אין הארצען דא א דעה, אנ'עקשן, וואס זאגט: ניין, דו טארסט נישט לאזען איבערגעהן דיינס, איהר פערשטעהט? אין מוח זענען דא נאך דעות און מחשבות און איטליכע האט זיך איהר ראיה; איין דעה זאגט: זיץ. און זיי זאגען: גיב א שפיי, חצקיל, דיין זיצען דא וועט דיר נישט העלפען. אבער די איינע דעה, דער עקשן איז גובר און — האלט מיך און לאזט מיך נישט אוועקפאהרען. עס לאזט מיך נישט שלאפען און עסען און פיקט מיר אלץ אין הארצען: רייס זיי אוים די אויגען, לאז זיי נישט רוהען, ציה זיי אזוי לאנג ביי די קישקעס, ביז זיי וועלן נאכגעבען. און ווי איך הער דאס, גיב איך א טראכט: אפשר טאקי יא? האסט אזוי פיעל געווארט? ווארט נאך. עפעס וועלן זיי דאך נישט וועלן, דו זאלסט ביי זיי אבזיצען ימים ושנים. און אין פלוג, לעג איך נישט צו מיט מיין זיצען. און ווער איך נישט קארג אן, וואס איז פינף מאל ווערט, מעהר ווי די

גאַנצע ירו״זה? איהר ווייסט, אַ קלייט לאָזען אויף אַ יורענע אַליין. איך, אַז איך בין דאָ, מאַך איך חלופים. מע האַנדעלט און מע זעהט דעם לעבעדיגען זעקסער. וואָס טו איך דאָ? וואָס מאַך איך דאָ? אַזוי טענה איך מיט מיר, אָבער סע העלפט נישט. איך קען נישט אויפהויבען די פיס און אַוועקפאָהרען און זיי לאָזען דעם חלק ירושה. איך שווער אייך, איך קען נישט. און אַז איך וועל שוין אַוועקפאָהרען, וועל איך נישט האָבען קיין רוהה אין דער-היים. מיינע וועט מיך גריזען און עסען. אין בית-מדרש וועט מען מיר אָבעסען די גאַל. סטייטש, ווי נעהמט אַ יוד און לאָזט אַ ירושה? וויפיעל מאָל ירושות האָט מען אין לעבען? פאָהר צוריק קיין אוחרימאָווע און געה אין סוד. מיר וואָלטען מיט זיי בלק געלערנט. גיב אַ טראַכט: דאָ שטעהסטו און האָרעוועסט אויף אַ „פיאַטאַק" און דאָרט לאָזטו ליגען אַ הונדערטער. ווי איהר זעהט מיך לעבען, אַ ריינער הונדערטער קומט מיר אַרויס. איהר ווייסט, וואָס דאָס הייסט? איהר ווייסט, וואָס איז דער טייטש פון אַ הונדערטער, אַ געלער הונדערטער מיט דער קרוין, און דאָס קנייטש איך צונויף און האַלט דאָס אין האַנד און דאָס איז מיינס? איך זעץ מיך אַנידערעסען און איך האָב דעם הונדערטער; מ'לעגט זיך שלאָפען און אונטער'ן קישען ליגט דער הונדערטער; מ'געהט דאַווענען מיט'ן טלית און תפילין און אין קעשענע ליגט דער הונדערטער. איהר פערשטעהט דעם טעם? און דאָס האָב איך גע־ירשה'ט, נישט צונויפגעלעגט אַ רובל צו אַ רובל און צו איטליכען צוגעלעגט אַ שטיק געזונד, נאָר אַלץ גע'ירשה'ט אויף איין מאָל, דאָס איז עפּעס ווערט, דאָס פערגין איך מיר און פערגין עס אייך און אַלע גוטע פריינד. קומען זיי, די ימח-שמוניקעס, און נעהמען מיר אַוועק מיין פרייד. פאַרוואָס? פאַר ווען? בין איך ווענעגער אַ ברודער ווי זיי? האָט מיך מיין מאַמע נישט געהאַט, ווי זיי? וואָס האָב איך מיר שוין אויסגעמאָלט פאַר דעם הונדערטער. איבערבויען מיין שטוב, אַוועקלעגען אויף פראָצענט. און דאָס לאָזט זיך אויס פון אַלעם אַ בוידעם. וואָלטען זיי מיר האָטש געגעבען אַ פופציגער, זאָגען

מיר, די העלפט. איהר קענט די פשרה פון א גזלן: חצי שלי וחצי שלך, זאלען זיי זיך דערווערגען מיט דעם אבגעריסענעם פופציגער. א פופציגער געהט אויך נישט צו-פוס, דאס איז שוין א מטבע; אבער, אבער, צוואנציג קערבליך, וואס הויב איך אן מיט צוואנציג קערבליך! איך זאג אייך, איך גע שיער אראב פון זינען פאר עגמת-נפש און דא זיץ איך ביי זיי און מוז עסען ביי זיי און שלאפען ביי זיי, ווי איך האב אייך געזאגט. עס פאסט דאך נישט א ברודער און א שוואגער זאל נעלטיגען ביי א פרעמדען. יא, איהר ווייסט נישט, וואס א מענש קען ליידען. מ'איז, דאלט זיך, צו גאסט, א שענער גאסט. נישט איינמאל האבען זיי מיר געוואונשען מיין קלימעקעל ווייט פון דאנען. אז איך עס, בלייבט מיר דער ביסען שטעהן אין מויל. אבער איך פאהר נישט אוועק, ביז איך וועל נישט בעקומען מיינס. איך זאל אפילו שטארבען, וועל איך זיך נישט ריהרען פון דער שטעל — דערפאר הייס איך חצקיל".

„אויף א רגע קומט מיר אפילו דער געדאנק: פאהר אהיים און זאג: א שענע ריינע כפרה, די ירושה וועט זיי נישט וואויל בעקומען. דאס געלד וועלן זיי אויסקרענקען, די שטוב וועט אבגעברענט ווערן, ס'איז דאך דא אויף דער וועלט שכר ועונש. קומט באלד די דעה, די עקשנ'טע און זאגט: פאהר נישט, האלט אוים, ביז דו וועסט אויספיהרען. פרוב איך צו זאגען: ס'איז מיר שוין נמאס, איך פאהר אהיים, איך בענק נאכ'ן ווייב און קינדער. גיט זי א געשריי: פערקעהרט, דו מוזט אין זין האבען ווייב און קינדער און בעשטעהען אויף דיינס. אזוי זיץ איך דא שוין דריי חדשים..."

Academischer Verein
für
Jüdische Geschichte und Literatur
zu
Jurjew (Dorpat).

## III.

# בקשות.

(נאָכדערצעהלט דעם בעל-המעשה.)

---

„פעטער, זעצט אייך אנידער צו מיר אָ דאָ אויף דער פריזבע אויף א ווײַלינקע וועל איך אייך דערצעהלען א שענע מעשה, וואָס מיר האָט געקענט פאַסירען. וואָ־זשע איילט איהר אייך אזוי? די סמעטענע פונ׳ם הימעל וועט מען אייך נישט אוועקנעהמען. איהר מוזט וויסען, אז איך בין בעריל פאַס־טערנאַק און אז איך זאָג אייך זעצען, איז זעצען. די פערדיענס־טען היינטיגע יאָהרען, וואָס האָט איהר דאָ אָנצוווערן? מילא, ביי דער פאָלע וויל איך אייך נישט צוהאַלטען, אָבער די מעשה איז שאַרף און מיט א שפּיצעל.

די מעשה איז אזוי. איהר קענט מיך, ווי איך קען אייך אויסגעבאָרען. וואָס איז שייך, צי אַלטע שטאָדט, צי נייע שטאָדט. איטליכער ווייס, וואָס סע טוט זיך אויפ׳ן אַנדערענס טעלער און א קוק האָט מען אייך, וואָס יענעם פעהלט און וואָס ער בעדאַרף צו האָבען און וויפיעל ער איז שולדיג אויף זיין הויז און דאָס און יענס און בוידעם. דאָס קאָסט קיין געלד נישט, אָבער ס׳איז ווערט געלד. וואָרום איהר פערשטעהט, היינט מוז איטליכער מענש זיין געוואָפענט און וויסען פון איטליכען פון איין עק שטאָדט ביז צום אַנדערן; קומט איינער און רעדט

דיר פּאָר אַ פויגעל, מוזטו איהם זאָגען: ברודערוניו, מיך
חעסטו נישט אָבנאַרען. אַז מ'מישט וואַסער אין מילך, דערקען
איך, און אַז מ'גיט מיר אַ פּערוויַיסטע קאָפּיקע פאַר אַ פּערציַ-
גער, דערקען איך, און אַז מ'גיט מיר אַ וועקסעל, וואָס —
איך בעט איבער אייער כבוד, גיב איך דערפאַר נישט קיין
צוויי גראָשען במזומן. איהר פערשטעהט, אַז מ'געהט אַרויס
אין מאַרק אַריין און איינער קומט צו דיר צו-געהן און שלאָגט
דיר אָן אַ מסחר'יל, מוז ער גלייך זיין ¨ דיר בחזקת גנב,
און כל זמן דו האָסט נישט איבערגעצעהלט דעם פערדיענסט
און נישט אַריינגעלעגט אין קעשענע, טאָרסטו זיך נאָך נישט
פרעהען אויף אַ האָר, וואָרום ס'קען גוט זיין, אַז דאָס גאַנצע
איז אַ ברכה לבטלה אין סע שמעקט מיט אַ אופּטו, אויף פּראָסט
יודיש: מיט אַ שווינדעל. לאָמיר זיך נישט נאַרען, וואָס איז
די היינטיגע וועלט? גנוב וכחוש ורצוח. איך זאָג אייך: פרעגט
מיך, ביי מיינע פופציג יאָהר האָב איך מיר גענוג אָבגעברענט די
פינגער און טאָמער מיינט איהר, סע העלפט עפּעס צו זיין אַ קלו-
גער? אַ טעות, אַז דער רוח וויל צונעהמען, נעהמט ער צו,
ער געפינט שוין זיינע שלוחים. קענט איהר יאָסעל'ן, יאָסעל
נהמנ'ס? דער גוטער יאָהר זאָל איהם נישט קענען, קומט צו-
געהן צו מיר איינמאָל און זאָגט מיר שטילערהייד: רב בער,
ווילט איהר מיר אַ טובה טאָן, סע וועט אייך גאָרנישט קאָס-
טען, אפילו נישט אַ ביסעל מיה וועט עס אייך קאָסטען און
מיר וועט אַרויסקומען פון דעם אַ גרויסע טובה. — נו, וואָס
ווילסטו פון מיר? — איך וויל איבערשרייבען מיין שטוב אויף
אייער נאָמען. דאָס פערשטעהט מען, וואָס דער פּסוק מיינט
דערמיט, אָבער שאַדען קען עס אין דער'אמת'ן נישט. ער
וויל דאָך פערשרייבען זיין שטוב אויף מיין נאָמען און נישט
פערקעהרט. מהיכי תיתא, זאָג איך מיר אין האַרצען. צו
איוזם זאָג איך אָבער: גוט, איך וועל זיך מישב זיין. פּלאַצט
ער אוים: פע, רב בער, אַזאַ קלוגער יוד, ווי איהר, וואָס
זענט איהר אַ אייַדימעל, וואָס מוז ערשט אָנפרעגען ביים שווער?
זאָג איך: אָהן כעס, אָבער סע ברענט דאָך נישט. זאָגט ער:

נײַן, סע ברענט. אײַך דאַרף איך דאָך נישט צו פּיקען די צונג. זאָג איך: גוט. געהען מיר אַריבער צום נאָטאַריוס. זאָגט ער צו מיר: דאָס פּאַפּיִער האָב איך שוין פאַרטיג אין קעשענע אויף אײַער נאָמען און שוין גע׳חתמ׳עט. זאָג איך: אַי, ברודעריל, ווײַז נאָר אַהער דאָס פּאַפּיִער. זאָגט ער: איך וועל אײַך שוין ווײַזען, זאָגט מיר נאָר צו. זאָג איך: זאָג מיר אויף פּראָסט יודיש, וואָס ווילסטו פון מיר? זאָגט ער: איך וויל אַ בעוואָרעניש, אַ קלײַן בעוואָרעניש. — וואָס הײַסט א בעוואָרעניש? — אַ חתימה׳לע, אַ קלײַן חתימה׳לע, אויף אַ שטיקעל פּאַפּיִער. — אַ מכה! זאָג איך. — אַי, רב בער, זאָגט ער, מיט אײַך איז אפילו נישט גוט קוילִיש צו עסען, וואָס־זשע האָט איהר פלוצלונג אָנגעהויבען מורא צו האָבען; אַז איך שרײַב אויף אײַך אָב מײַן שטוב מיט די קעלערס מיט כל ולך, און אויסגעצעהלט די חדרים מיט די פענסטער און די טהירען, און וואָס וויל איך פון אײַך? נעהמט אַרוים אַ שרײַבפעדעל און שרײַבט מיר אויף אָט אויף דעם שטיקעל פּאַפּיִער: בעריל פּאַסטערנאַק. נאָר אָט די צוויי ווערטער, דאַכט זיך, איז דאָס גאָרנישט מסוכן. — זאָג איך איהם: אַ גוטען טאָג! און לאָז איהם שטעהן אין מיטען גאַס, ווי אַ אָבגעגאָסענעם".

„דרײַ טאָג האָב איך איהם נישט געזעהען כסדר. אויפ׳ן פיערטען טאָג, קומט ער צוגעהן צו מיר אין דער־פריה, שוין גאָרנישט דער אײגענער מענש מיט דעם קוראַזש און מיט דער שטוב, נאָר פּשוט אַ רחמנות־פּנים. ער איז אין דחקות. עפּעס איז ער פערוויקעלט אין אַ ענין און ער מוז האָבען „זאַלאָג", נישט קײן מזומן געלד, נאָר אַנ׳אונטערשריפט, און דאָס פון מיר, אַ איש בטוח. סע וועט מיך גאָרנישט קאָסטען און ער זאָל בעגראָבען ווײַב און קינדער, אויב סע וועט מיר געקרימט ווערן אַ האָר. ער האַלט מיך בײַ די הענד און בעט: רב בער, נשמה, דערהאַלט מיך בײַם לעבען, איך בין אַ יוד מיט זעקס קינדער און דערוואַקסענע. — עפּעס איז דאָס דאָך אַ וועלט, וואָס גוטס צו טאָן ווערט אין דעם נישט פערלוירען. וואָס־זשע

חאלט געווארן פון די מענשען, ווען איינער וואלט דעם אנדערן נישט געהאלפען אין א נויט? עפּעס איז דאך אויך דא א גאט אויף דער וועלט".

„איך זיץ מיר און בעטראכט מיר איהם, רעדענדיג. אויף להכעיס איז געווען מיין ליולקע פערשטאפּט און איך קלאפּ מיר בניחותא דעם טיטון און קוק אלץ אויף איהם. ער רעדט אלץ און דרינגט מיר אוים מן התורה און מן הנביאים און פון מענשליכקייט, אז איך בעדארף איהם נישט אבצוזאגען און טאן גלייך אויף דער שטעל, וואס ער בעט מיך, ווארום ווען נישט, איז ער אומגליקליך און סע קומט איהם אוים, זיך צו ווארפען אין וואסער אריין, ויהיו דמו ודם זרעותיו עד סוף כל הדורות תלוי בי. איך האב עס ביד, איהם מיט זיין ווייב און קינדער צו דערהאלטען ביים לעבען. — רב בער, זאגט ער צו מיר, מאלט אייך אוים פערקעהרט. איך בין אייך אודאי קיין שונא נישט, אבער סע קען דאך א מענשען אלץ פּאסירען, און גאט בעהיט, איהר דארפט צו איינעם צו האבען און איך בין דעמאלט אין אזא מעמד, אייך צו טאן א טובה? זאגט אליין, וואלט איך עס נישט געטאן? וואלט איך נישט געגאנגען אין פייער אריין, אבי אייך צו העלפען?"

„איך האב שוין געהאט פערראויכערט די ליולקע און זאג מיר: אט א דער יאסעל איז א שווינדלער. איך קען שווערן, אז ער האט בדעה מיך אבצונארען, נאר לאז א הונט נישט בילען. ארים וועט ער מיך נישט מאכען. און איך טראכט שוין צוצוגעהן צום טיש און פאר איהם שרייבען א זשירע. גיט עס מיך צוריק א ציה: האלט, אייל זיך נישט. געה ארוים אין גאס און טו א פרעג. די מציאה וועסטו נישט אנווערן און דערטרינקען וועט ער זיך נאך היטען. ער לאזט מיך אבער נישט פון דער שטעל, און זאגט: איך געה נישט אוועק, ביז איהר טוט מיר נישט די טובה. פאר אייערע אויגען לעג איך מיך אנידער און שטארב אט דא ביי אייך אין שטוב."

איך זעה, עס איז א שלעכטער פערציגער, און זאג צו

איִהם : יאָסעֶל, רעַד רײַנעֶ דבורים. אונטעֶרשרײַבעֶן וועֶל איִך פאַר דיִר ניִשט. דאָס צו טאָן מוז איִך אָנוועֶרן דעֶם שׂכל, און דעֶר קאָפּ איִז נאָך געֶזונד. קעֶן איִך דיִך פּטר'ן מיִט אַ פּיפּציִגעֶר, איִז גוט און ניִשט מעֶהר אַ גראָשעֶן. ס'איִז צײַט צו געֶהן דאַווענעֶן, עוֹבר געֶוועֶן זמן קריאת־שמע האָבעֶן מיִר שוין בײַדעֶ. גיִט עֶר אַ שפּרונג : רבּ בּעֶר, איִך בּעֶדאַרף צו האָבעֶן צווײַ מאָל שי"ן קעֶרבּליִך און איִהר גיִט מיִר אַ פּופציִגעֶר. זאָג איִך איִהם : נעֶהם, אז מ'גיִט דיִר, וואָרום איִן אַ שעה אַרום קריִגסטו דאָס אויך ניִשט. זאָגט עֶר : וואו זאָל איִך נעֶהמעֶן דאָס איִבּעֶריִגעֶ? זאָג איִך : וואָס אַרט דאָס מיִך? זאָגט עֶר : איִהר זעֶנט דאָך אָבּעֶר אַ מעֶנש מיִט אַ האַרץ. האַרץ אַהיִן אַהעֶר, איִך זאָג איִהם : איִך קעֶן ניִשט. עֶר לאַכט מיִך אוים : הלואי אויף מיִר געֶזאָגט, חאָטשׁ אַ העֶלפט פון דעֶם, וואָס איִהר האָט הײַנט ליִגעֶן בּײַ אײַך איִן שופלאָד. אַזוי איִז עֶר בּײַ מיִר אָבּגעֶזעֶסעֶן דעֶם גאַנצעֶן איִן דעֶר־פריִה און מיִר איִז ניִשט אײַנ־מאָל איִבּעֶרגעֶגאַנגעֶן דאָס האַרץ פאַר הונגעֶר. נאָכמיִטאָג אַ נײַעֶר גאַסט. שרה, זײַן ווײַבּ. אַ שעֶנעֶ יודעֶנעֶ און אַ שטיִלעֶ. אָהן כּיִעל רעֶדעֶן לעֶגט זי אַניִדעֶר אַ בּיִנדעֶל, וואָס זי האָט נעֶהאַלטעֶן אונטעֶר'ן שאַל, און שיִט דאָס אוים אויפ'ן טיִש : לײַכטעֶר, בּעֶכעֶרלעֶך, גאָפּלעֶן, אַ בּיִנטעֶל פּעֶריִל, אויריִנגלעֶך. רבּ בּעֶר, זאָגט זי, גיִט אונז אַ זשיִרעֶ חאָטש אויף שי"ן קעֶרבּ־ליִך. איִך זעֶה, די טרעֶהרעֶן קומעֶן איִהר פון די אויגעֶן און איִך שעֶהם מיִך צו נעֶהמעֶן משכּנות. אָבּזאָגעֶן קעֶן איִך ניִשט, איִהר פעֶרשטעֶהט, אַז אַ יודעֶנעֶ בּעֶט, און דעֶרצו אַ לײַטיִשעֶ. ווי האָט זיִך געֶנומעֶן צו דעֶם פּלוט, צו יאָסלעֶ'ן, אַזאַ ווײַבּ? איִך נעֶהם אַרוים דאָס לעֶדעֶר מיִט פּאָזיִטעֶן. זי זאָגט : נײַן, אַ חתימה איִז געֶנוג — איִך וויִל אפילו זאָגעֶן : נעֶהמט אײַך צוריִק דאָס זיִלבּעֶר, איִך גלויבּ אײַך. איִהר וואָלט זי דעֶמאָלט געֶזעֶהן שטעֶהן, דאָס פּנים פעֶרוואָלקעֶנט, אָבּעֶר מיִט חן. איִך האָבּ דאָס אָבּעֶר ניִשט געֶזאָגט. אָבּעֶר אָנגעֶריִהרט האָבּ איִך עֶס אויך ניִשט און ניִשט בּעֶטאַפּט".

„דעֶם סוף וועֶט איִהר אַלײַן וויִסעֶן. זי, איִך קעֶן שווערן,

זי איז אין דעם נישט שולדיג, אָבער ער, אַ רײנער אַפּעריסט. צו 300 אין ציפערן איז אַ קלײניגקײט צו נעהמען אַ פּען און צוצושרײבען נאָך אַ נול, אויף רײנע טשיקאַװעסט. איך, בער לעקיש, מוז צאָהלען דרײַ טױזענד רובעל און צובײסען די צײהן. װאָס, זאָל איך איהם װאַרפען אין אָסטראָג אַרײן? איז זי װידער געקומען צו מיר און האָט געװײנט און איז מיר געפאַלען צו די פיס. אַ װעלט מיט מאָשענסטװאָ. בקשות!" —

# IV.

## סכסוכים.

(* קרעבין).

---

ער האט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן בענקיל און האט געגעבען א יודישען, ברייטען קרעכץ, חאטש ער האט גארנישט אויסגעזעהען שלעכט דערנאך. „מוז איך האבען אויף דער עלטער א סכסוך מיט די אייגענע קינדער. זעכציג יאהר בין איך אלט געווארן און איך מעג זאגען פון מיר, אז איך בין נישט געזעסען מיט פערלעגטע הענד. וואס איהר זעהט מיך האבען, האב איך מיט מיינע פינגער פערדיענט, א שטוב אונטער טשערעפ און א שטוב היע; דריי קלייטען אין מארק און די גרויסע ווינט-מיהל אויפ'ן סטעפ. פריהער האב איך געהאלטען די קליינע מיהל אין ווילשינקי פון האדיראווין און ס'איז מיר נישט איינמאל נישט אבגעריסען געווארן די בריק. דרייצעהן יאהר האב איך געהאלטען דעם קארושאווער טייך. איך אליין האב מיך געזעצט אויף דער לאדקע און האב געחאפט פיש. איהר מוזט זעהען קארפען, ווי די בערען, און שלייען'ס. איטליכעס ווינקעלע האב איך געקענט אין טייך און האב געקענט די טבע פון די פיש. גאר פאר מיר זיך פער'גנב'נען וועלן, צי גאר נישט וועלן ארויסקומען, — האב איך פערקאטשעט די ארבעל, די הענד אריינגעשטעקט אין וואסער אריין און האב איהם אנ-

געהאַפּט, דעם מחותן, בײַם װײַדעל און האָב געזאָגט: קום ברודער! דער מענש האָט געפּענט אַ מויל און האָט זיך אַרײַנגעװאָרפען אין זאַק אַרײַן. און אַז איך האָב געהאַלטען די מיהל, האָב איך אַלײן אַרומגעשלאָגען דעם מיהל-שטײן, געטראָגען די פולע זעק אויף מײַנע פּלײצעס ביז אויף דעם אויבערשטען גאָרן, און אַז די זאַסטאַװקעס זענען משוגע געװאָרן און האָבען נישט געװאָלט האַלטען דאָס װאַסער, האָב איך, מיט נאָך אײן גוי, זײ אַלײן פערשלאָ־ען. דעם שכל פון דער מיהל האָב איך געקענט צעהן מאָל אויסענװעניג און אַז צו מיר איז געקומען אַ מאַראָטשניק, א געלערנטער, און האָט מיר אָנגעהויבען צו טאָלקעװען דאָס און יענץ און אויפצו׳חשבונ׳ען מיט׳ן שרײַבפעדל, האָ־ איך גענומען דאָס שטיקעל פּאַפּיער פון האַנד און געגעבען דערויף דרײַ קריץ, געמאַלט אַ קעסטעל, און עס דורכגעצויגען און איהם בעװיזען אַלעס, װי אַזוי איך פערשטעה דאָס אויף מײַן דרך, אַז ער האָט זיך אַלײן גע׳חדוש׳ט. און אַז עס איז אויסגעגאַנגען דער סראָק פון דער מיהל און יודען האָבען זיך גענומען בײַם פּריץ אויסדינגען, און ער, אַ הונט, האָט מיך געװאָלט בעהאַלטען און האָבען זײַער געלד, האָב איך זײ געלאָזט אַזוי לאַנג אַרויפציהען, ביז איך האָב געװאוסט, אַז זײ װעלן ברעכען דעם קאַרק, און דערנאָך האָב איך זײ געלאָזט די מציאה און האָב מיר גערונגען די װינט-מיהל, אַזוי גוט װי געקויפט, און דעמאָלט בין איך אויך צוריק אַרײַן אין שטאָדט אַרײַן".

„די לײַט האָבען מיך געהאַלטען פאַר משוגע, אַז זײ האָבען מיך געזעהען זיך אַרומשלאָגען מיט דער מיהל. איהר פערשטעהט, װינט איז נישט װאַסער. דאָס מוז מען פערשטעהן, װי אַזוי צו דרעהען און צושטעלען אַקעגען דעם װינט, און אַז ס׳איז דאָ צו מאָלען ביז איבער די אויערן, איז אויף להכעיס נישטאָ קײן װינט. װאָס טוט מען דעמאָלט? נישט אײנמאָל איז מיר אויסגעטריקענט געװאָרן דער מוח טראַכטענדיג, און געזאָגט האָב איך מיר: דו מוזט עפּעס אויסטראַכטען, ס׳זאָל געהן אָהן װינט, איהר פערשטעהט? אַז איך בין געװען אַ יונ־

גער מאַן, האָב איך געקענט תּלונה"...

„יאָ, אַצינד האָב איך אַ גראָב פּנים און גרויסע הענד און טראָג גוי'שע שטיוועל, אָבער אַז איך בין געווען אַ יונגער מאַן, בין איך געווען, ווי אַלע יונגע לייט און האָב אַריינגע־קוקט אין אבן־עזרא אַריין און אַ האַרב שטיקעל האָט מען אויך פערשטאַנען, און אין קדוש החודש בין איך געווען דער איינ־ציגער — אַז מיין מוטער האָט נאָך געלעבט, פלעגט זי תמיד צו זאָגען, אַז ווען נאָט וואָלט געוואָלט, וואָלט איך גענומען גאָר אַן אַנדערן שניט. אַ פּנים אַז ער האָט דאָס נישט גע־וואָלט און איך האָב עס אויך נישט געוואָלט... פּלוצים, אַז איך בין אַלט געוואָרן זיבעצן־און־צוואַנציג יאָהר, איז מיר אַריין אויף איינמאָל אין דער מחשבה אַריין, אַוועקצוואַרפען די קלויז מיט דעם לערנען מיט כּל ולך און בין אַרויס אין אַ דאָרף אַריין און האָב אָנגעטאָן דאָס פעלציל און בין געוואָרן אַ דאָרפס־יוד מיט אַלע בּרעקלעך. דער, וואָס האָט מיך געקענט, האָט געזאָגט: ישראל איז אַראָב פון זינען! קויפען פלעג איך פּראָסע און האָבער, און דערנאָך זיי פערקויפט קאַרלאַפּניקעס און אויף סטאַנציעס, דערנאָך איז מיר דאָס אויך נמאס גע־וואָרן, און איך האָב מיך גענומען צו מיהלען און צום טייך, געאַרבייט האָב איך פּאָר זעקס בּיי־טאָג און נאַכט און ס'איז מיר נישט אפילו געקומען אויפ'ן זין מעהר פון טבעיות...

„מיינט איהר, אַז איך האָב נישט ליעב מעהר צו חקר'נען, פערקעהרט, אָבער מיט זיך אַליין. די ספרים, דאָס ביסעל וואָס איך האָב, ליעגען ביי מיר ערגעץ און ווערן פערפוילט און מיט די אָחרימיוועך בהמות געהן רעדען, בין איך גאָר קיין בעלן נישט, אָבער פערשטעהן פערשטעה איך דעם מענשען און דעם תּכלית... בעסער איז, אַז מ'מאַכט צו די אויגען און מ'קלערט גאָרנישט. — פערקעהרט, וואָס איז אַלץ? זעהט איהר, אָט דאָ אין האַרצען האָב איך מיר אַ פּאָר ווערטער אויפגעשריבען... דאָס זאָג איך אָבער קיינעם נישט אויס, ביז איך וועל נישט שטאַרבען. אַז איהר וועט קומען אין מיינע יאָהרען, וועט איהר אַלץ פערשטעהן, איך קען אייך, אין וואָס

איהר לאָזט אײַך נישט נאַרען. השגחה! מ׳זאָגט, אַז גאָט איז גערעכט, יאָ, מ׳זאָגט״..

„האָב איך אויסגעהאָרעוועט פיער בנים אײנער גרעסער פונ׳ם אַנדערן און האָב זײ אַלע חתונה געמאַכט און זײ האָבען אַלע װײַבער מיט קינדער, און האָבען מיר פריהער כּלומר׳שט געהאָלפען און אַצינד סוחר׳נען זײ אַלײן. װען נישט איך, דער פאָטער, װאָלטען זײ אַלע געמעגט שען אָנשפּאַרען. פון מײַן טבע האָט קײנער נישט אַ פּיצעל, װײל איך פּערקױפּען די שטוב, (װאָרום איך קען נישט מעהר האָרעװען, און אַז ס׳קומט װינטער לײַד איך אויף די פיס. נישט אײנמאָל האָבען זײ מיר אָבגעפּרוּװירען און האָבען געגוּג גערדיענט), — לאָזען זײ מיך נישט, די פיער קדישים מײַנע, און װילען מיך שלאָגען. יאָ, מיט פערציג יאָהר װאָלטען זײ געמעגט מיט מיר אָנהױבען. נאָך הײַנט בין איך קײנעם נישט מקנא, אַז איך בין איהם מכבּד מיט אַ פּאַטש און ס׳רינט דאָס בלוט ביז איבער׳ן מויל און אויף די צײהן. אָבער זיך געהן מיט זײ שלאָגען, זשאַלעװעט מען דאָס ביסעל כּוחות״.

„כּבוד אב, שענק איך אײַך. משה רבּינו׳ס חומש׳ל איז הײַנט נישט קײן גרױסער פּריץ, און אַז מ׳איז נישט מעביר די סדרה, געהט מען נישט אויף דרײַ הדשים אין טורמע אַרײַן. איך װעל זיך נישט געהן מאַכען נאַריש און זאָגען: פּע! אױפהױבען די האַנד קעגען אַ פאָטער! האָט אײַך צעהן מאָל אַ שװאַרץ יאָהר, אָבער לאָזט מיך פּערקױפען די שטוב! פּערקעהרט, איך גיב אײַך אַלײן צו פופציגער, פּערזױכט אַ שטיקעל ירושה בײַ מײַן לעבען, אָבער לאָזט מיך טאָן מײַנס.

„װאָס־זשע װיל איך אײַך בעטען? שיקט אַריבער צו זײ און טוט מיט זײ אַ רעד. רופט דעם דריטען מײַנעם, בנימין׳ען, ער איז זײער אַלעמענס קאָפּ, און צװישען אונז רעדענדיג, שׂכל האָט ער פאַר אַלע פיער, און אָט דעם גיב איך פינף־און אַכציג קאַרבען... שיקט נאָך איהם, רב יוסל, אודאי איז אײַער פּאָטער דער רב אין שטאָדט און ס׳איז זײַן זאַך, אָבער פאַר אײַך װעלען זײ האָבען דרך־ארץ״.

## V.

# אָהן אַ שרכן.

(פונקט נאָכדערצעהלט).

---

„זעהט איהר, איך בין אַ יוד אָהן חכמות און אַז דאָס מזל איז נישט אַזוי גוט, ווישט מען אָפּ די ליפּען און מ'געהט ווייטער. וואָס איז דער מענש היינטיגע צייטען? ס'איז אפילו נישט ווערט, אַז די ערד טראָגט איהם. גאָט האָט אונז אַלע געשטראָפט, ווייל מיר יודען זענען אַ עם לא היה. בײַ זיך אין דער־היים זיצט איטליכער אויבענאָן און האָט נישט אַ זעקסער פון אַ מטבע און די וועלט איז אַ פערקעהרטע און ס'גלוסט זיך נאָך געהן מיט'ן קאָפּ אַראָב. — די ווייבער זענען אַנ'אַנדער מין מכשפות, געהען אָנגעטאָן אין ווייסע קאַטליך, און דעם ערשטען זומער נאָך דער חתונה אין מען קוציניו־מוציניו און דערנאָך ציהען זיי דיר אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער. איז איהר טאַטע אַ בעל־מלאכה, ווי די ערשטע מײַנע, ביזטו אין איהרע אויגען דער ריינער סמ"ך מ"ם. איז זי חס וחלילה גאָר פון אַ בעל־הבתי'שער שטוב און זי האָט געזעהען בײַ איהר טאַטען אַמאָל אַ זילבערנעם לעפעל, ביזטו מיט דיין לעבען נישט מעהר זיכער און צעהן מאָל אין טאָג ווילען זיי דיר אויסרעכנען, אַז עס איז געווען פאַר זיי דאָס גרעסטע אומגליק, אַז זיי האָבען דיך גענומען, און אַז זיי וואָלטען דיך נישט

געווען געגומען, וואָלטען זיי געקענט נעהמען אַ מאַן מיט פּרנסה, און אַ זיידען טיכעל אויך, און וואָלענע מײַטקעס אויך. איך פרעג אייך אַליין, וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך, נחמן רבקה׳ס, טאָן? אַ יוד פון פערציג יאָהר און חיונה מיט דריי קנײַטשען און זיבען לעבער און אַ זוהן און צוויי טעכטער קיין עין הרע. מילא, ער איז אַ פּראָסטער יונג, דער מאַמעס זוהן מיט די ביינער, אָבער ז. ז., מיידלעך, דערוואַקסענע מיידלעך, פרעג איך, צי זיי זענען שעהן? אודאי זענען זיי שעהן, און אפילו אַז מ׳איז נישט שעהן, אַז מ׳צוואָגט זיך אויס און מ׳טוט אָן אַ ריין קלייד און מ׳האָט צו געבען דעם פופציגער נדן במזומן, קען מען שוין אַ חתן געפעלן. אָבער אַז דאָ איז די קשיא, פון וואַנען נעהמט מען אָט אָ דעם פופציגער? אין הלבשה איז ניטאָ קיין גבול, אַזאַ עושר, ווי איך בין, צוויי שאַפּעס שטעהען ביי מיר און אַלע ביידע זענען זיי לעדיג, אַ הויז שמאַטעקלעך נאָך פון דער חתונה־צייט, וואָס זענען נישט ווערט אַ דרייער."

„דעמאָלט האָב איך נאָך געהאַט אַ ביסעל צוגעקנעלט. עפּעס האָבען מיך אָנגערעדט די לייט אין שטאָדט, אַז איך בין אַ בריה אויף פּסוק. די גאַנצע וואָך האָב איך געהאַקט האָלץ מיט די גוים און אַז ס׳איז געקומען צום צאָהלען, האָבען די פּאָטער׳ס געזאָגט: וואָס? פאַר פּסוק מוז מען אייך צאָהלען, ס׳איז דאָך לחלוטין נישט קיין גמרא... אַז איך וואָלט נישט געהאַלטען דאָס קלייטעל מיט אַ ביסעל צוקער, צימרינג, עסיג, גאַז, וואָס האָט זיך געציקעט, וואָלט איך מיט די קינדער געהאַט אַ שעהן פּנים. אַ שאַפּקעלע איז ביי מיר אויך געווען אין קלייט, פון צעלניק: קנעפּליך, באַנווילים, נאָדלען. אָ דאָס שאַפּקעלע האָט מיר אָבגעקאָסט אַ האַלב לעבען. ווארום אַלע מאָל האָט קיין סחורה נישט דערסטייעט. און די גרויסע קרעמער האָבען אַ טבע, אַז זיי ווילען נישט געבען סחורה אָהן געלד, און אַז איך שווער מיך צעהן מאָל אָב, אַז איך וועל זיי בעצאָהלען, אַז איך וועל לייזען, איז ביי זיי מיין וואָרט אַזוי פיעל ווערט, ווי די בלאָטע. און אויף

דער׳אמת׳ן , שענקען וויל קיינער נישט , אבער זי , די קליפה מיינע , איך זאג אייך , אז ס׳איז געקומען א סמארקאטע מיידעל און האט געוואלט האבען דריי העקעליך און ס׳איז אויף להכעיס נישט געווען , האב איך מיך געמעגט געזעגענען מיט׳ן לעבען . א פיסק מיט טויזענד קללות , מילא , שעלט און פערברען דיר די ליפען , שעלטענדיג , אבער גיה אין קלייט אריין , פעריל . ניין ! זאל בתיה געהן . בתיה הייסט די עלטערע מיינע און דוקא נישט די מאוסע . מילא , אז זי זיצט אליין אין קלייט , קומט אריין א טשיקאווער יונג , כלומר׳שט עפעס קויפען און אויף׳ן מארגענדיגען טאג קומט ער נאכאמאל . אז אין קלייט איז שטענדיג די טהיר אפען און איטליכער קען קומען , טראכט מען זיך : וואס , מ׳וועט זי אויסחאפען ? איז זי עפעס א ביינע-לע , וואס מ׳לעגט דאס אריין אין קעשענע אריין . אבער היינ-טיגע יאהרען , איהר פערשטעהט ?״

„אז זי זיצט אין דער-היים און איז פער׳חושכ׳ט און מוז שאבען און וואשען , האט זי אודאי נישט אין זין קיין פוסטע זאכען . זיצענדיג אין קלייט אבער , איבערגעטאן , קומט אריין דער פוסטאפאסניק , קויפט זיך אנ׳אכטעל טיטון , דרעהט א ציגאר און זאגט : האט איהר א שוועבעלע , בארישנע , באריש-נע ! אט אזוי שמועס׳ן זיי ביי אונז מיט איינאנדער דער נייער דור . איהר וועט עס קוים גלויבען , ביי אונז אין שטאדט רו-קאמעט מען זיך שוין . אפילו דעם רב׳ס שנור איז זיך א גאנ-צע וואוילע . יא , יודען זענען אויף א שענעם שטיינער . דער רבונו של עולם האט גענוג צו זינגען און צו זאגען״ .

„האט נישט קיין פעראיבעל , רב יוסל , איך וויל מיך א ביסעל אנידערזעצען . מ׳זאל נישט זינדיגען מיט די רעד . איך הוסט שוין ניין יאהר . מיינע , די הולטייקע , האט מיך עפעס אין זין ? קאכט זי מיר א גלעזעל ווארעמס צו דער צייט ? איהר ווילט אודאי וויסען , וואס ס׳געווען דער סוף פון דער מעשה . וואס׳ זאל איך פאר אייך לייקענען ? אין שטאדט האט מען אנ-געהויבען רעדען . . . מיינע אויגען האבען אליין געזעהען , זיי ביידען זיך שושקען . האב איך זי א פרעג געטאן , וואס האס-

טו דיך מיט אזוינעם צו שושקען? איז פון איהר נישט ארויסצוקריגען א ווארט, הויב איך מיך אן צו בייזערן, הויבט זי זיך אויף און שטעהט אויף פונ׳ם טיש. געה איך איהר נאך און זאג איהר: בתיה, זאג, וואס האסטו מיט איהם, לאז מיך הערען. שטעלט זי זיך אנידער נעבען פענסטער און הויבט אן צו וויינען. א קלאג אויף מיינע יאהר. און די מוטער, אזא מרשעת, איז אויף איהר זייט און הויבט מיך אן צו שעלטען, און ערשט נעכטען האט זי מיר אויפגעגעסען די גאל, ווארום איך שווייג! גארנישט — א פאטער זעהט א טאכטער ווערט צולאזט און ער שוויגט. — אבער וואס וועט מיר העלפען? היאב איך געהאט א גוטען פריינד, בין איך אריבערגעגאנגען צו איהם און געפרעגט שטילערהייד אנ׳עצה, וואס טוט מען? זאגט ער: טו א שידוך מיט איהר און גיב איהר א מאן מיט ברויט, וועט זי נישט אין זין האבען קיין פוסטע זאכען. יא, ס׳איז גרינג אזוינם צו זאגען, גיב איך זי איינמאל ווידער א פרעג — פלאצט זי אויס: זי וויל דעם משרת-יונג, חאטש גער שריי הי וקים און לעג איין די וועלט״.

„איך פרעג אייך אליין — פאסט עס עפעס פאר מיר, אז אין מיין שטוב זאל מען שפיעלען ליעבעס? יא, אזוי זאגען זיי, הייסט דאס, ווער ס׳האט דאס אויסגעטראכט מיט די אלע מעשיות, זאל איהם קיין גוטער יוד נישט קענען״.

„איך וויל אייך דערצעהלען בקיצור. מיין ווייב האט גע׳חלש׳ט. איך האב שיעור פערלוירען דעם זין, האפ, לאפ! ער נעהמט זי, ווי זי שטעהט און געהט. א חתונה, אויף קיין שום יורען געזאגט געווארן, א חופה, מ׳שטיינס געזאגט, און די כלי זמר. עס כליזמר׳ט זיך אין הארצען און אין קאפ און אין די קישקעס. דעם רב רופט מען אוועק אן א זייט. מיר מאכען אונז אויף דער שטעל בעגראבען... נאך פינף חדשים מיט דרייצעהן טעג האט זי געהאט א יונגעל. איהר קענט אייך דענקען, וואס מיר האבען געהאט אויסצושטעהן, גרוי און אלט בין איך געווארן. מיט׳ן חדר איז דאס אויס״.

„איך זאג, רב יוסל, ס׳איז א וועלט מיט צרות. דאס

לעבען איז קיין שאָם פולווער נישט ווערט. און דאָם קלייטעל איז פון דעמאָלט געעקט... מ׳מוטשעט זיך גענוג. ווילט איהר מיר לייהען פופציג קאָפּיקעם ביז דאָנערשטאָג? מ׳האָט מיר געזאָגט, אז אייער ווייב איז א ווארשעווער, טאָמער האָט איהר ביי זיך א ציגאר״?...

# VI.

## זכות אבות.

(אַ יוּד פאַר זיך).

---

„פאַראַיאָהרען האָט זיך מיר געטראָפען אַזאַ מעשה. איך נעה פונ'ם טויג און גיב אַ קוק: ס'שוין שפעט. איזר קענט אונזער פריץ, אַ וואוילער מענש, זאָג איך אייך, און האָט נישט פיינט אַ יודען; זי די פריצ'ה, אַז זי דערזעהט מיך, איז נאָר אַ פרייד: אַך, פאַניע שמערקאַ, — ווי איהר זעהט מיך לעבען. בין איך עפּעס אַ קצין? אָבער איך בין אַנ'אָפען מענשעל און שעהם מיך נישט מיט'ן קבצן... גיט גאָט דעם פערציגער, איז גוט, גיט ער נישט, וועט ער געבען. ער איז ביי מיר אַ בטוח... קיין חאַבאַר נעהם איך נישט, פערשטעהט איהר מיך, איך בין אַנ'איידעם ביי אַ „סאָטסקי". יודישע קינדער, זאָג איך זיי, געוואַלד געשריען, וואָס טויגען אייך די מאַלערס און די וויבאָרעס און אַלע זיבען זאַלען. דערווייל בין איך אַראָב פונ'ם ענין... אַז איך בין דעמאָלט נעגאַנגען פונ'ם טויג, האָב איך מיר געטראַכט ביי זיך: שמעריל, גיב אָב חשבון דיר און דיין ווייב און דיינע קינדער, צו וואָס האָט דיר געטויגט צו האָבען אַ חלק אין דעם גע'גנב'עטען פערד... אַי, ווער זאָגט, אַז ס'איז געווען פון אַ גנבה! בין איך עפּעס אַ מענש, וואָס האַנדעלט מיט אַזוינע זאַכען! אָבער גלאַט כשר איז דאָס אויך נישט געוועןָ; והא ראיה,

מ׳קלאָגט דיך און מ׳רופט דיך צום סודיאַ. אַזוי האָב איך מיט מיר גע׳טענה׳ט, און בין נישט געקומען צו אַנ׳עק. — דערוויַיל ווערט פינסטערליך און מרה־שחורה׳דיג, מ׳איז דאָך אַ מענש, וואָס האָט געזינדיגט. — חזיר האָב איך אודאי נישט געגעסען און דאַווען תמיד בצבור, אָבער אַז מ׳האָט נישט, און ס׳טרעפט זיך, אַז מ׳קען יאָ האָבען... איהר פערשטעהט, אין השגחה איז גוט צו גלויבען, אַז מ׳האָט דאָס זיַידען גאַרטעלע און מ׳זיצט זיך אָב אין מזרח די פּאָר שעה און דערנאָך קומט מען אַהיים און דאָס וויַיב גיט דעם גוטען אָנביַיסען. אַז מ׳האָט פּרנסה בשפע מעג מען אַלץ טון, און ווער קוקט אויף דעם ביַי די ריַיכע; אָבער מיר פּראָסטאַקעס! האָסט גענומען דאָס דריַיערל און מ׳האָט דאָס נישט געטאָרט נעהמען, גלייך אין אָסטראָג אַריַין און זיץ... מילא דאָס בין איך איַיך מוחל, אָבער די גביות עדות׳ן און דער גאַנצער טאַראַראַם, צוערשט ביַים פּריסטאַוו, און דערנאָך ביַים סליעדאָוואַטיעל. הויבט זיך אָן אַ סדרה מיט אַ אַדוואָקאַט, וואָס איז אַליין אַ גנב און אַ רוצח, אָבער מיט זיסינקע רעד, און דערנאָך אַ גאַנצען טאָג ביַים סוד; איך זאָג איַיך, איך בין שיער משוגע געוואָרען — מאָלט איַיך אויס, מענשען מיט שכל זעצען זיך אַנידער אויף צעהן שעה כסדר און מ׳פרעגט און מ׳שריַיבט און מ׳רופט אויס, איטליכער הויבט אויף די אויגען אויף מיר און קוקט מיך אָן, ווי ווען איך וואָלט געוואָלט בעפאַלען מענשען אין מיטען וואַלד. מיַין וויַיב שטעהט אין אַ ווינקעלע און ציטערט. עפּעס הער איך: מ׳לייענט דעם פּראָטאָקאָל, נישט געשטויגען און נישט געפלויגען! פרעגט מיך, ווי אַזוי די מעשה איז געווען. און גיט מען מיך אַ פרעג, ענטפער איך פונקט קאַפּויר. וואָס דען, דעם אמת וועל איך זיי זאָגען? אַ מכה אין זייערע ביינער! נעהמען אַ יודען פון פערציג יאָהר, וואָס האָט נאָך נישט געקרימט אַ האָר אויפ׳ן וואַנט, און מוטשען איהם... אַ קצור דריַי חדשים טורמע מיט דריַיצעהן טעג — אויסגערעכענט! מ׳זאָגט מיר, איך זאָל אָנגעבען אַ אַפּעלאַציע; אַי מיַין וויַיב און די קינדער, ווער וועט זיי דערוויַיל געבען צו עסען. מילא אַז

מ׳זאָגט זיִצען, העלפט ניִשט. דאָרט טרײַבט מען ניִשט קײַן קאַטאָוועס... קום איִך אַרוים, הויבט אָן מײַן מחותּן, ס׳שטעהט איִהם ניִשט אָן צום שדוך; איִהר פערשטעהט אַנ׳עסק? ער האָט נאָך צו מיִר טענות, איִך האָב איִהם געגעבען אַ יונג מיִט בײַנער און ער מיִר אַ דאַר מײדעל. אָבער וואָס הער איִך דעם לעקיִש. איִן „שומר לבוקר" פערשטעהט מען אנדערש דעם פּסוק: מ׳נעהמט מיִך אויף, ווי ווען איִך וואָלט אַראָבגעקו־מען פון אַמעריִקאַ, אַ ברײטען שלום־עליכם, מיִט אַ מפטיר, מיִט קדוש. אַי וואָס געלד, אַ רוח איִן זײער טאַטען אַרײַן! אָבער אַ שנאה איִן האַרצען האָב איִך אויף די גזלנים, האָטש בעסער איִז מיִר פון דעמאָלט אָן און איִך ביִן ניִשט מעהר גאָלי קבצן. אַי פון וואַנען נעהמט מען? גאַרניִשט, זכות אָבות".

## VII.

# אַקניפּעל.

(פון בעל-מעשה אַליין).

---

„ובכדי איהר זאָלט פון טאַלנער וויסען, וועל איך אייך דעם גאַנצען ענין דערצעהלען. די מעשה איז אזוי געוועזען. איך אַליין בין, לא עליכם, אַ חשוך-בנים; מיין מאַמע האָט מיך געהאַט דרייצעהן יאָהר נאָך דער חתונה. מיין טאַטע איז געוועזען אַ נגיד, א ירושה האָט ער מיר געלאָזען, — נישקשה; טון טו איך גאָרנישט כל ימי, א ביסעל עיסקא, מילא. ווייבער האָב איך געהאַט אחוץ דער היינטיגער, צוויי. ליעב האָב איך זיי אַלעמען געהאַט. איטליכע יודענע האָט איהר טבע. די ערשטע איז געוועזען אַ גוטע, אָבער גאָלע רוחניות, מילא; די צווייטע איז געוועזען א הויכע, אָבער די לעצטע יאָהרען איז זי געוועזען תמיד שלאַף, די רפואות האָבען מיך א סך אויסגעבראַכט. די לעצטע איז קיין עין הרע אַנ'אָסאָבע. זי איז אפילו פאַר מיינע יאָהרען צו יונג. אַ יוד, וואָס האָב איך פריהער בעדאַרפט? אין מיינע יאָהרען אַ שען ווייב! איך זאָג אייך, פרעגט מיך, מילא. נישט דאָס בין איך אויסען. האָט זי געהאַט אַ פלעמעניק, איז ער צו אונז געקומען צו פאָהרען.

האָב איך איהם געגעבען אויף הוצאות און האָב איהם געזאָגט:
„אַ יונגערמאַן מוז עפּעס טון, וואָס איז שייך, פאַהרט ערגיץ און זוכט אייך אַ שטעלע. ביי מיר זעלבסט איז אפילו דאָ אַ שטיקעל שרייבער. טאָמער מיינט איהר, איך בעדאַרף איהם האָבען נייטיג? נאָר אַז ער איז דאָ, שרייבט ער די קוויטעס. היינטיגע יאָהרען מוז עס אַלץ פאָרמענע זיין. איך גיב איהם דריי רובל אַ וואָך און אַמאָל אַ העמד און פלודערן פון מיר. מיין ווייב האָט ליעב מיט איהם צו רעדען, ער איז טאַקי נישט קיין נאַר!"

„ויהי היום, איך האָב געמוזט פאַהרען קיין קרעמענטשוק אויף דריי טאָג. האָב איך איהם געזאָגט: שמערל, אַז דו ווילסט, קענסטו אין דער גרויסער שטוב נעכטיגען, דערווייל איז עס אַ שטוב מיט זילבער, אַ יודענע אַליין איבערלאָזען, די דיענסט איז אויך אַ נקבה — וואָס איז שייך. אָט אַזוי בין איך אָבגעזעסען אַ גאַנצע וואָך. דערנאָך בין איך אַהיים געקומען, מיין ווייב איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען, און די דיענסט האָט מיר די ציקאָריע דערלאַנגט און איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר. האָב איך איהר געזאָגט: דו, נעסע, פאַרוואָס שטעהסטו דאָ? האָט זי זיך אָנגעהויבען צו קראַצען אין דער לינקער באַק. איך הויב מיך אויף פון מיין בענקעל און זאָג צו איהר: נעסע, דו ווילסט מיר עפּעס זאָגען? זי שווייגט און האַלט זיך צו דאָס מויל. דערנאָך הויבט זי אָן: ניין, בעל־הבית, אַז איך וואָלט געווען געשוויגען, וואָלט עס געווען אַ זינד, אַז איך זאָג ליגען, זאָל מיך די ערד נישט צונעהמען. אייערנעכטען, איך האָב שוין האַלב געשלאָפען, האָב איך געהערט עטוואָס שאַרען מיט די פיס, איך הויב מיך אויף, דאַכט זיך מיר — עס שטעהט אַ מענש האַלב אויסגעטאָן, איך פערשטעל מיט דער האַנד די אויגען און קוק דורך די פינגער, ניין, בעל־הבית, ווייטער רעד איך נישט, איהר זאָלט מיך אפילו אין שטיקער שניידען. איז עס געווען שמערל? יאָ. ער איז געגאַנגען אין מיין ווייבס חדר? יאָ. דו ביסט אַ חצופה, פערשטעהסטו, אַרויס פון מיין שטוב. איך האָב אָבער זי צוגעהאַלטען און געזאָגט:

עֶסִי, פֿערשטעהסטו, רעדען רעד ניִשט, איִך וועל עֶס דער-צעהלען דער בעל-הבית'טע, ווֶעסטו האָבען אַ מיאוסען פסק. טאַקי אַליין בין איך געבליבען זיצען, ווי דערשלאָגען. מרה-שחורה'דיג בין איך קיינמאָל ניִשט געווען, אָבער אַזאַ זאַך ארט". —

„בתוך כך איז זי אָנגעקומען, זי איז געווען אין מארק. אויף צו להכעיס האָט איהר דאָס טיכעל זעהר גוט געפּאַסט. — האָסטו שוין געטרונקען ציקאָריע? פרעגט זי. איך לאָז אראָב די נאָז און האַלט זי צו מיט דער האַנד, כדי זי זאָל עֶס ניִשט דערקענען, איִך גיב אַ קוק אויף איהר און טראַכט מיר: פאַרוואָס האָט דיר געטויגט פאַהרען? מילא, איך נעהם דעם טלית און תפילין און געה דאַווענען. תמיד בלייב איך ניִשט לאַנג זיצען אין קלויז. דאָסמאָל שטעהט נעבען מיר דער רב, אַ וואוילער יוד און אַ גוטער, ער זאָגט מיר נאָך דעם דאַווענען: רב הירש, איהר האָט עפּעס אויף דעם האַרץ. איך לעג צונויף דעם טלית און לעג אריין די ציצית, מילא, אַ יוד, עֶס איז דאָ אַ סך זאַכען. אַז איך גיין מיט איהם פון דער קלויז געגאַנגען, זאָג איך מגלה געווען דעם סוד. מיין רב זאָגט מיר: אודאי, עֶס איז אַנ'ענין, אָבער דאָ אין שטאָדט, פערשטעהט איהר מיך, אַ דין-תורה געהט'ס ניִשט, איך וויל ליעבער ניִשט פערדינען, פאָלגט מיך און פאָהרט מיט איהר צום רבי'ן, קיין טאַלנע. איך טראַכט מיר, אַז מען זאָגט, פאָלגט מען. אַ פוהר האָב איך געהאַט אַ גוטע, ביי דוד'ן, זוייסט איהר. נאָר אויף דעם וועג איז מיר געווען זעהר פריי-קרע: איך האָב אפילו חשק געהאַט זי אָנצונעהמען ביי דער האַנד, נאָר האָב איך מיר געזאָגט: יצר-הרע, דאָסמאָל ווֶעסטו ביי מיר ניִשט פועלן. אַז מען פאָהרט צום רבי'ן, מוז מען איהם געבען אַ שען קערבעל, דאָסמאָל האָב איך איהם געגעבען צעהן קערבליך מיט אַ קוויטעל, און האָב איהם בעל-פה דערצעהלט די מעשה. דער טאַלנער, דער אַלטער, איז געווען אַ חכם, ער איז גאָר ניִשט נבהל געוואָרען, ער האָט מיר נאָר געזאָגט: געה אויף דער סטאַנציע און שיק מיר דיין

וויַב. אַז זי איז געקומען, האָט ער זי געפרעגט: וויפיעל גיט דיר, למשל, דייַן מאַן אַ וואָך, גיט ניט דאָך דיר וואָכענגעלד? אַזוי האָט ער איהר געזאָגט.—פופצעהן קערבליך, האָט זי געזאָגט.—גיסטו אויס גאָר, אָדער די לאָזט דיר עפּעס, מיר קענסטו זאָגען.—יאָ, רבי, אַ דרייַערל לאָז איך מיר, אַמאָל מעהר.—וואוהין טוסטו דאָס דרייַערל אַהין?—אין אַ זאָק בעהאַלט איך עס. מייַן מאַמע, עליה השלום, האָט אויך געהאַט אַ קניפּעל, זי האָט עס מיר אָנגעזאָגט...—האָסטו שוין אַ סך געלד?—איך ווייס עס נישט, רבי, אַלע יאָהר ווערט עס פולער.—וואו בעהאַלטסטו עס?—הינטער דעם איבערבעט בייַ איהם, בייַ מיר קען ער אַמאָל זוכען.—האָט שמערל בעמערקט, דאָס דו בעהאַלטסט עפּעס? טאָמער יאָ, ווייס איך, אַז יענער איז כסדר אין שטוב. פאָהר אַהיים און קוק נאָך״.—

„איך וויל אייַך דערצעהלען בקיצור. די זאָק איז נישטאָ. האָט מען זיך גענומען צו שמערלען, האָט ער זיך מודה געווען און האָט געבעטען רחמים: ער דאַרף תהונה מאַכען אַ קינד, אַ דערוואַקסען מיידעל פון נייַנצעהן יאָהר״.

„דער טאַלנער, זכרונו לברכה, איז טאַקי געווען אַ גרויסער חכם, אַ מלאך אלהים, אַז די וועלט זאָגט — זאָל מען גלויבען״.

# חזיונות און אנדערם.

## I.

# דערלעבט.

(אַ מעשה).

---

„הערט אַזאַ מעשה, וואָס האָט זיך מיר געטראָפען פאַר־
אַיאָהרען אין אָנהויב ווינטער: איך בין געגאַנגען פון דער מיהל
שפּעטליך בייַנאַכט. שוין דעם גאַנצען טאָג איז מיר געוועזען
עפּעס שווער, און אַז איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פריה,
האָב איך מיר געטראַכט: הייַנט מוז עפּעס קומען. אַ יונגערער
ברודער פון מיר איז אַוועק קיין אַמעריקאַ שוין מיט דרייַצעהן
יאָהר צוריק. מייַן ווייַב זאָגט מיר בייַם עסען: הירשעל, דו
טרייַבסט עפּעס, און אַז איך בין געשטאַנען נעבען דעם קאַס־
טען אין מיהל, האָט זיך מיר צומאָל פערטשעפּעט דער עק פון
פּאָלע און האָט מיך שיער נישט אומגעריסען מיט'ן רעדעל,
ווען דער מאַראַטשניק וואָלט נישט געוועזען צוגעשפּרונגען און
וואָלט מיך נישט אַ חאַפּ געטאָן. דאָס דרעהען און קלאַפּען אין
מיהל, דאָס מאָהלען פון די וואַלצען האָט מיר דאָסמאָל אַרום־
געטאַנצט אין קאָפּ. דאָס וואַסער איז געוועזען שטאַרק. אָסיען!
און אַלעמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזען: אָט רייַסט זיך אויס
אַ „זאַסטאַווקע“ און דאָס וואַסער פאַלט אין קעלער אַרייַן. אַזוי
בין איך געגאַנגען פון דער מיהל און האָב אָנגעהויבען צו
טראַכטען, וואָס איז מיר הייַנט. אַ קליין לאַמטערנדעל האָב

איך געטראָגען און אַ שטעקעל אין דער האַנד פאַר די הינט. אַ שאַרף ווינטעל האָט געבלאָזען און האָט מיך דורכגענומען. עפּעס נאָס איז אויך געווען און די שטיוועל האָבען זיך דורכגענעצט און איך האָב מורא געהאַט, איך זאָל מיך נישט פערקיהלען. איהר קענט שמואל'ן, שמואל לייצי'ס? ער האָט זיך אויך פערקיהלט אין אַ קאַלטער נאַכט און ס'האָט איהם אַוועקגעחאַפּט נאָך ניין טעג און געלאָזען האָט ער אַ ווייב מיט אַכט קינדער. איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז כאָטש איך בין נישט קיין טרוס, האָט מיך דאָסמאָל אָנגעהויבען צו אַרען, פאַרוואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהען, צי די ציצית זענען נאָך כשר... איהר פערשטעהט, עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז איך געה שוין צו לאַנג, און וועדליג מיין רעכנונג, וואָלט שוין דאָ געמוזט זיין דער קלויסטער; איך געה אָבער ווייטער, און דער קלויסטער איז נאָך נישטאָ, הויב איך אָן צו טראַכטען, טאָמער בין איך מיך טועה און געה גאָר פערקעהרט, ווייס איך אָבער, אַז דאָס קען נישט זיין, וואָרום, ערשטענס, בין איך שוין אין מיהל דריי און צוואַנציג יאָהר און קיינמאָל האָט מיר דאָס נאָך נישט פּאַסירט. און דאָ איז שטאָקפינסטער, נאָר דאָרט פון ווייטען שיינט עפּעס פון אַ הייזעל. איך הויב אָן צו רעכענען, וואָס פאַר אַ הייזעל קען דאָס זיין, וואָרום איך קען אונזער שטעדטעל אַרום און אַרום, און ווייס דאָך נישט. זאָג איך מיר: איך מוז צוגעהן צו דעם הייזעל, וואָרום איך האָב מיך פערבלאָנדזשעט, און איך פרוב צוגעהן. דאַכט זיך מיר, אַז איינער האַלט מיך פון הינטען. איך טראַכט מיר: איך מוז מיר מאַכען קוראַזש און זיך נישט דערשרעקען, אַ גזלן קען עס דאָך נישט זיין און טאָמער ווייזט זיך דיר אַלץ אויס. איך דרעה מיך אום און איך שטעה ביי דער מיהל, ווי ווען איך וואָלט נאָך גאָר ניט געגאַנגען. דאָס וואַסער רוישט און שלאָגט און איך וואונדער זיך, ווי אַזוי איך האָב דאָס פריהער נישט געהערט. וויל איך פרובען צוריק אַרויפגעהן און רופען דעם סטרוזש, קען איך מיך נישט ריהרען פון דער שטעל, די פיס זענען מיר ווי צוגעשמידט. איך האַלט מיך צו ביים געלענדער

און וויל מיך בעזינען, וואס איז מיר, הויבט זיך אויף דער געלענדער מיט מיר און מיר שווימען אויף א שיפעל אין מיטען טייך. דא איז מיר געוואָרען נאָר משונה'דיג און איך האב אָנגעהויבען בעטען גאָט, ער זאָל מיר עפענען די אויגען און מיר ווייזען, וואו איך בין. און דאָס שיפעל רוקט זיך, ס'איז נישט מעהר אזוי פינסטער. איך קוק אויפ'ן הימעל, און ער איז אויסגעשטערנט. מיעד בין איך, אז איך האלט מיך קוים, אָבער איך האָב מורא איינצושלאָפען, ווארום איז זאָג מיר, אז איך וועל איינשלאָפען, וועל איך דערפרירען. איך האָב מיר אָנגעהויבען אויסצומאָלען, אז איך האָב פינף קינדער זאָלען לעבען, און וואָס טראכט זיך מיין ווייב, ווען זי זעהט, אז איך קום נישט. און טאָמער געהט זי מיך זוכען און ווערט אויך פערבלאָנדזשעט...״

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אז איך האָב נאָך ביי מיר א ביסעל טאבאק; איך מאך מיר א ליולקע און פעררויכער זי ביים לעמפעל, בלאָזט זי דער ווינט אויס, און א שוועבעלע האָב איך נישט ביי מיר. תמיד טראָג איך ביי מיר שוועבעלך, און היינט אויף צו להכעיס האָב איך נישט קיין איינציג שוועבעלע. און דאָ פיהל איך די קעלט אין אלע גליעדער און צוברעך מיר דעם קאָפּ: וואָס איז געשעהן? זאָל איך זאָגען, אז נישט-גוטע פיהרען מיך אין זייערע וועגען, — אָבער צו וואָס בעדארפען זיי א יודען א מיהלנער? און דערצו ווייס איך נישט, צי איך שלאָף און סע חלומ'ט זיך מיר אלץ, צי ס'איז אלץ אויף דער אמת'ן. איך וויל מיך אויפהויבען און קען נישט, איך וויל אָנהויבען רעדען צו מיר און די צונג איז מיר שווער. איך קאָן אייך נישט אויסמאָלען, וואָס פאר א פחד ס'איז אויף מיר געפאלען, און ווייסען ווייס איך נישט, וואו איך בין, און וואָס סע טוט זיך מיט מיר, און אויב סע וועט זיך טרעפען א נס, אז איך וועל נאָך קומען אהיים״...

„און ווי איך זיץ אזוי, הער איך א געשריי פון וויטען, איך קוק מיך אום און זעה א פייער, און מיר דאכט זיך, אז א מענש דרעהט זיך דאָרט ארום. איך בין פערגליווערט ווי

אַ שטײַן פון שרעק, און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז דער מענש קומט אַלץ נעהנטער צו מיר, און וואָס מעהר איך זעה איהם צוקומען, איז ער אַלץ גרעסער. אַזוינע גרויסע מענשען האָב איך נאָך נישט געזעהען, זינט איך לעב; איך טו אַ קוק: דאָס איז אַ ריעז, אַ קאנבעלע מיט איין אויג... דאָ הויבט זיך אין מיר אויף דער כח און איך גיב אַ שפרונג. ערשט איך האַלט אַ סלופּ, און האַלט מיך צו אַזוי שטאַרק מיט די הענד, ווי ווען איך וואָלט געווען צוגעוואַקסען. איהר ווייסט, וואָס ס'איז געווען דער סלופּ? דאָס בעט מיינס איז דאָס געווען. אַז איך האָב מיך אויפגעחאַפּט אין דער פריה, האָב איך נאָך געהאַלטען מיט בײדע הענד די ווענט פונ'ם בעט. אַזאַ חלום האָט זיך מיר נאָך קיינמאָל נישט געחלומ'ט. סע געווען אַזוי, ווי איך וואָלט דאָס אַלץ דערלעבט".

# II.

## דער חלום.

„פרײַטאָג צונאַכטס איז דאָס געווען, מײַנע זיצט מרה־שחורה'דיג ווי תמיד, זי איז לא עליכם ווי דערשלאָגען, שוין פון נאָך דער חתונה אָן. א כּלה, דאַכט זיך, אַ פרעהליכע און אַ פאַרשוין, אָבער אַז סע באַשערט. מע הערט בײַ לײַטען, עמיצער ווערט משוגע; זי, מײַנע, אויפ'ן שכל איז זי קלאָר, אָבער אומעטיג. נײַן יאָהר מיט איהר אָבגעזעסען און געהאַט דרײַ קינדער — זי זאָל דאָס געבען אַ שמײַכעל, זי זאָל זיך פרובען אָנטון, ווי אַנ'אַנדער ווײַבעל. זי קאָכט און באַקט און טוט אַלץ און איז דוקא אַ בּריה. אָבער אַז סע קומט איהר אָן דאָס אומעטיג זײַן, איז דאָס נישט צו אויסהאַלטען. מאָלט אײַך אוים, אָבזיצען מיט אַ מענשען עטליכע שעה און שווײַגען ווי אַ שטײן; מילא אין דער וואָכען בּין איך אײַך שוין מוחל, אָבער אַז עס קומט שבת, צי יום־טוב"...

„די קינדער, אַלע דרײַ, זענען געשטאָרבען און מעהר האָבען מיר נישט, און אַז מיר זיצען אַזוי אַלײן פרײַטאָג צו נאַכטס און די ליכט בּרענען, פאַלט אויף מיר אַ פּחד, ווײס איך, מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט אַצינד אַ בּײזען געדאַנק. אַזוי בּין איך געזעסען אַט אָ דעם פרײַטאָג צונאַכטס און איך

חאָב געהאַלטען דעם קאָפּ פערגראָבען אין אַ חומש'ל, געגאַנ־גען איז פרשה וישלח... און ווי איך זיץ אויפ'ן בענקעל, זעה איך, אַז זי שטעהט אויף און געהט צו צו מיר, אַ לאַנג מעסער האַלט זי אין האַנד, איך ווייס נישט, וואו זי האָט דאָס גענומען און מיר ציטערט איטליכס אבר. זי קומט אַלץ נעהנטער צו מיר. איך וויל אויפשטעהן פון בענקעל און געבען אַ געשריי, דאָס לשון איז מיר אָבער ווי אָבגענומען פאַר שרעק. זי שפּיליעט מיר אָב דעם זשילעט און איך קען מיך נישט גע־בען אַ ריהר. איך קוק זי אָן ווי זי האַלט דאָס מעסער, זי מאַכט מיר אויף דאָס האַרץ און גיט אַ שניט! אַ חדוש, סע רינט נישט קיין בלוט; זי שניידט אַלץ, נעהמט מיר אַרויס דאָס האַרץ, נעהמט אַרויס אַ נאָדעל מיט פאָדעם, נייהט ווידער צו. איך גיב מיך אַ טאַפּ: צי איז דאָס נישט קיין חלום... איך זעה, זי האַלט מיין האַרץ אין דער האַנד און זעצט זיך צוריק אויפ'ן בענקעל. סע קומט מיר פאָר, אַז דער חדר ווערט אַלץ גרעסער, די ווענט רוקען זיך און רוקען זיך. פּלוצלונג גיט עס מיך אַ שטופּ פונ'ם בענקעל, און איך בין שוין נישט מעהר אין דעם חדר, נאָר נעבען אַ באַרג. איך חדוש זיך, ווי אַזוי ס'האָט זיך גענומען אַ באַרג, אָבער עס איז אַזוי. דאָ הויבט זיך אויף אַ ווינט און הויבט מיך אָן צו טראָגען אַלץ ווייטער און ווייטער... ס'קומט מיר פאָר, אַז אין די פאָר שעה בין איך אַוועק איבער ימים ומדינות און דאָ ווייס איך נישט מעהר, ווער איך בין און ווי איך הייס און פון וואַנען איך בין. די שטערען גלאָצען צו מיר, איך בין טויט־מיד. איך פאַל אַנידער און ווער אַנשלאָפען, ווי אַ טויטער. אָבגע־שלאָפען בין איך צוויי טאָג כסדר. און אַז איך האָב זיך אויפ־געחאַפּט פאַרנאַכט צו מנחה צייט, זעה איך, איך בין אין אַ גאָרטען מיט שענע בוימער. מ'זאָגט מיר: ס'איז דער גן־עדן התחתון. איך געה אוים פאַר חיות פון די ריחות. און ווי איך שטעה אַזוי און וואונדער זיך, ווי אַזוי איך בין דאָ אַריינגעקו־מען, הער איך פון ווייטען אַ קול זינגען, וואָס זאָג איך אַ קול, עפּעס אַ מתיקות, אַזוי זיס, ווי דער אמת'ער שיר השירים

מיט אלע פסוקי דזמרה... און ווי איך געה נאך דעם געזאנג, דערזעה איך א שלאס פון גאלע מארמאר מיט פענסטער פון בארשטין און גאלדענע טרעפ. הונדערטער מענשען, ווייס אנגעטאן, געהען ארום און האלטען ליכט אין האנד און דאווגען מנחה, וואס זאג איך דאוונען, ס'איז געווען א שבח צום בורא, אז איך צוגעה פאר דבקות. דאס קול, וואס איך האב פערלוירען פאר צוויי יאהר, (איהר ווייסט דאך, אז איך בין דער אומגליקליכער חזן), איז ווידער געקומען צו מיר, און איך דערהויב מיין שטים און וויל מיטזינגען און מיטדאוונען. עס ציהט מיך צו געבען א געשריי אויפ'ן באס, אז איך שטארב. דא שטעהט אויף איינער פון זיי, געהט צו מיר צו און זאגט צו מיר: געה אוועק פון דאנען, דו טארסט נישט דאוונען מיט אונז, דו האסט א מום, דאס הארץ דיינס איז ארויסגעשניטען, דו בּיסט א כהן און א כהן מיט א מום איז פסול צו דער עבודה... ער האט מיר געגעבען א פיק אין נאז אריין און אלץ איז פערשוואונדען. ס'איז מיר אויסגעקומען, אז איך קייקעל זיך אראב פון א בארג..."

„וואס זאל איך אייך זאגען, דער חלום האט זיך אין מיר געפלאנטערט אפשר א יאהר צעהן און נאך עד היום, אז איך מאך צו די אויגען, קומט מיר פאר, אז איך זעה דאס אלץ מיט מיינע אויגען; איך האב געהערט, אז איהר זענט א גרויסער חכם, אפשר קענט איהר מיר פותר חלום זיין"...

# III.

## אַז ס׳רעדט זיך.

„טוט מיך איינער אַ האַפּ און פרעגט פון הוילער הויט: „פעטער, וואָס איז אַ געדאַנק? איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז איידער איהר האָט עס אַרויסגעלאָזט פון מויל, האָט איהר עס געהאַט אויף דער מחשבה, וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ מין, וואָס איז נאָך דאָ איידער מען רעדט פון דעם? דאָס איז דער געדאַנק. וואָס-זשע הייסט געדאַנק? פאַרוואָס־זשע האָב איך איהם היינט און נישט נעכטען? פאַרוואָס האָב איך שוין היינט שפּעטער מיט אַ שעה אַנ׳אַנדער געדאַנק, צי טאַקע תוך כדי דבור. איך זאָג מיר, וואָס ביסטו פאַר אַ מחותן מיט איציקען? זאָל ער ברעכען דעם קאַרק — און איך זאָג מיר: אַ יודען אַ רעה צו טאָן איז אויך נישט קיין גרויסע מעלה, דאָס הייסט, דאָס זאָג איך מיר נאָך נישט, נאָר גלאַט אַזוי: האָב אַ געדאַנק. מיין ווייב האָט אויך אַ געדאַנק. מיין קליינער בעריל אויך; ווייל איך זעה עס איהם אָן אָן נאָז, אַז ער וויל עפּעס, נאָך איידער ער זאָגט עס אויס. דאָס הייסט: ווילען איז שוין עפּעס אַנדערש. למשל, קען איך ווילען אַרויפקריכען אויפ׳ן בוידעם, נישט ווייל מען דאַרף עפּעס האָבען, נאָר גלאַט אַזוי, עס ווילט זיך מיר, איך האָב איצט דערצו חשק. איך האָב

חשק אַרויסצונעהמען דאָס טײַסטערל פון קעשענע און אָנהויבען צעהלען דאָס געלד, נישט ווײַל עס איז אומגעצעהלט, נאָר גלאַט אַזוי, דאָס הײסט חשק האָבען צו אַ זאַך איז שוין אַ שטיק יצר הרע. דער יצר טוב איז אויך דאָ, נאָר ווי אײנער זאָגט: „אויף דער לינקער זײַט" דאָ איז ער שוין. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז איך האָב אַ יצר הרע און אַ יצר טוב, אַז ס'איז עפּעס אין אונז דאָ אַ חשק".

„שׂכל האָב איך פאַר דרײַ אַנדערע, אַפּנים, אַז דאָס איז נאָך נישט דער געדאַנק. אַ געדאַנק איז אַ געדאַנק און שׂכל איז דאָס קעפּעל, דאָס גוטע קעפּעל. איך וועל זיך נישט לויבען, אָבער ס'רעדט זיך. איך האָב אַזאַ טבע, זעהט איהר, אַ טבע האָט מען אויך. דאָס הײסט לפעמים איז גאָר איבער-געביטען די טבע. נאָך פאַראַיאָהרען האָב איך פײַנט געהאַט קאַרטאָפלעס מיט הערינג און הײַנט עס איך עס שוין יאָ אַ ביסעל. אײַערקיכלעך האָב איך גאָר ליעב. וואָס-זשע הײסט ליעב האָבען און פײַנט האָבען? פאַרוואָס בין איך שמעה'ן אַ שונא און ראובנ'ען אַ גוטער פרײַנד? בײדע האָבען מיר נישט געטאָן נישט קײן גוטס און נישט קײן שלעכטס. נאָר גלאַט אַזוי, צו דעם ציהט מיך און צו דעם ציהט מיך נישט. וואָס-זשע הײסט ציהען? איך האָב גאָר קײן דעה נישט, נאָר עס ציהט מיך. — אַזוי האָט זיך מיר שוין אָפטמאָל געטראָפען".

„נישט דאָ געדאַכט, נישט הײַנט געדאַכט, נישט פאַר קײן שום יודען געדאַכט, איז מיר אָט דאָ נישט לאַנג גע-שטאָרבען אַ מײדעלע פון זעקס יאָהר. אַז איך בין געזעסען שבעה, האָב איך מיר געטראַכט: פאַר וואָס איז זי געשטאָרבען? געזינדיגט האָט זי נישט, איך האָב געזינדיגט. פאַרוואָס אָבער איז זי שולדיג? שטעהט דאָך געשריבען: ופוקד עון אבות על בנים. איך בין נישט אַזאַ בן-תורה, אָבער, איך מײן, איז נישט אַזוי דער טײַטש? איך מײן פשוט, אַז אַ קינד שטאַרבט פאַר'ן פאָטער, איז דאָס אײן ענין, וואָס מען קען איהם נישט משיג זײַן. און זינדיג בין איך הײַנטיג יאָהר נישט אַ סך ער-גער, ווי פאַראַיאָהרען, מען זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד

אַ בשר ודם בִּין אִיךְ אַ שטאַרקער, אָבער חייב מיתה בִּין אִיךְ נִישט. וואָס טו אִיךְ? אִיךְ האַנדעל און דאַווען; מעהר ווִי אַ רכילות׳ל טו אִיךְ נִישט שלעכטס. אִיךְ לעג צונויף טלית ותפילין; אָנגעזועצט האָב אִיךְ אויך נִישט אַקוראַט, אִיךְ האָב נאָר נִישט בעצאָהלט חיימען פאַר׳ן וועקסעל, אָבער אויפעסען יענעמס געלד — אָסור".

„מילא, אַז דער צער פון טראָגען אִיז יאָ אַזוי גרוים, וואָס־זשע הייסט השגחה? פאַרוואָס האָב אִיךְ הײַנטיג יאָהר אַ שלעכט יאָהר און פאַראַיאָהרען אִיז געווען נישקשה? פאַרוואָס אִיז בעריל ראובנ׳ס אַ עני שבעניים כל ימיו, דאַכט זִיךְ אַ יוד, וואָס קרִימט נִישט קײן שפִּין אויפ׳ן וואַנט און חאַצקעלע גנב האָט הצלחה? פאַרוואָס אִיז פִיער יאָהר כסדר נִישט געגאַנגען קײן רעגען צו דער צײַט און הײַנט רעגענט עס מִיט צעבערס? די פִיעל גוים האָבען אויך השגחה, צווִישען זײ אִיז אויך דאָ אָרִים און רײַך".

„אַנ׳אָרִימאַן האָט אויך אַמאָל מזל, אַט פערדי׳ענט ער אַ פערציגער אומגעריכט. אַט האָט ער זִיךְ אויסגעגלִיטשט און אִיז געפאַלען און עס אִיז אִיהם גאָרנִישט פאַסִירט. און שלמה׳־לע פון דער מִיהל, אַנ׳עושר, אויף אונז בײדען געזאָגט געוואָרען, האָט זִיךְ אויסגעדרעהט אַ האַנד. פאַר פִיער יאָהרען אִיז אִיהם געפגר׳ט אַ האָלענדִישע קוה, זעקס זִילבערנע לעפעל זענען נישט געוואָרען. וואָס־זשע אִיז דאָס, אַז מען האָט מזל און פלוצים קעהרט זִיךְ אִיבער דער שמועס, צי מען האָט דעם דלות און גאָט העלפט? מי בקצו ומי לא בקצו, אַלץ ווערט פערשרִיבען און אַלע זענען מִיר אִין זײַן האַנד."

# IV.

## דער חזן.

„וואס־זשע מיינט איהר, איך בין עפּיס גלאט אזוי א חזני־
דעל פון האצעקלאץ, אבי וואס? איהר מוזט הערען מיין קול.
איהר מוזט מיך הערען דאווענען; אז איך שטעל מיך אנידער
פאר׳ן עמוד און גיב א זונג: לכו נרננה! גיט עס א קלונג,
אז עס הילכען די פענסטער. דא קאטשע איך מיך אויף אלע
כלים, און דער עולם ווערט ווי צוגעזאָטען. וואס איז שייך,
זאל איך זיך אליין לויבען? אבער אז איך בין געוועהנט ליעב
צו האבען דעם געזאנג פון יונגעלווייז אן און צו לעבען אין
דעם אליין. אז גאט האט אונז אריינגעגעבען אין דער טבע
זיך אנצונעהמען ביי דער באק און צו זינגען, די ווערטער
פליהען פון מויל, און איך שוועב מיט זיי. — א בשר ודם
בין איך, און א ווייב האב איך און קינדער און צרות האב
איך, גיב איך מיך א שאקעל, ווארף איך אלץ פון מיר אראב,
עפּעס אנ׳אנדער מענש ווער איך גאר, עפּעס קומט אין מיר
א מין כח, א מין חשק, און איך צולאז מיך פונ׳ם סאפראן
ביז צום באס און אויף וואס איהר ווילט אליין; איך בין אויף
דער העכער מדרגה, סע שרייט אין מיר, סע זינגט אין מיר,
סע ברענט אין מיר — בין איך דען אזוי פרום? אבער דע־
מאלט קום איך אריין אין דער גרעסטער התלהבות און סע
טראגט מיך און סע הויבט מיך און איך קום אלץ העכער און

העכער: יונתן חזן, קנאק אויף וואס די וועלט שטעהט, וויי זיי, וואס דו קענסט. אין פלוג מיין איך גאר נישט דאס פונק-טעם, דעמאלט האב איך אפילו פון מיר אליין פערגעסען. איך שטעה דא, און עס קומט מיר פאר, אז איך בין אויבען, איך וואלט גענומען דעם עמוד און איהם א טראג געטאן... א רע-ווע געטאן ווי א לייב. עפעס א קליינינקייט, אז סע קומט צו מוסף: ומפני חטאינו גלינו מארצנו... און איך וויל דערהויבען מיין קול צום בורא, צום גרויסען בורא, אלע יודען זאלען קענען זינגען און מיר אונטערהעלפען. דער גאנצער עולם פון בית המדרש איז ווי אנ'אמת'דיגער קאהר, און איך שטעה און זינג, זינג, אז די ווענט ציטערן".

„וואס-זשע איז דער טעם פון זינגען? מילא א פידעל האלט מען דאס אין דער האנד, צי א פלייט אין מויל, צי גאר א טראמפייט — מען זאגט, סע ליעגט אין האלז. ביי מיר קומט עס פונ'ם הארצען, מעומקא דליבא, עפעס ווי איינער זיצט אין מיר און זשומעט שטענדיג. אין מיטען דער נאכט וואלט איך אויפגעשטאנען זינגען, צי איטליכע שעה אין טאג. אז איהר ווילט, זינג איך אייך א שטיקעל פון דער ראש-השנה'-דיגער שמונה-עשרה. אז סע קומט א ספירה'לע צי ראש חדש בענטשען, בין איך ווי ניי געבוירען, ווער שמועסט די ימים נוראים. וואס מויג מיר נאטען און משוררים? איך, יונתן, נעהם דעם טלית אויפ'ן קאפ און שטעל מיך אנידער פאוואלי, אהן לויפעניש, אהן נאות, אהן הויות, גאר נישט א יוד א חזן. אבער דערנאך, דערנאך, וואס מיר טעפליק, ווער מיר טעפליק, וואס מיר בית-המדרש, וואס מיר שמעיה דער נגיד, וועלכער שטעהט אויבען אן און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין? — איך צולאז מיך אויף מיין קול און זינג, איך הער מיך אליין זינגענדיג און צוגעה פאר מתיקות. בין איך דען אזא בהול? אבער איך שטארב פאר חיות, איך וויל איינגעהמען די וועלט, אלע גוים מגייר זיין, אלע יודען זאלען זיין בני מלאכים און איך, יונתן, בין א לוי אין בית-המקדש, טאקי פון די אמת'דיגע לוים און מיט די נגונים פון דוד המלך... וואס

זאָל איך אײַך זאָגען, איהר מוזט זײַן דעמאָלט אין מיר, איהר מוזט אװעקװאַרפען אײַערע עסקים אויף אַ װײַלע און זיך אַרײַנטון אין אַ זמר, אין כגונא, צי וידבר משה״...

„יונתן איז נישט ניסי בעלזער, נישט קאַשטאַן, אָבער יונתן. מיט זעקס קאַרבען אַ װאָך האָבען זײ מיך געקױפט פאַר דאָס גאַנצע יאָהר, און הכנסה — אויף אַלע שונאי ישראל געזאָגט געװאָרען. װען איך װאָלט נישט געהאַט קײן װײַב און קינדער, פליעװאַט! אַ פּאָהר קײן אָדעס! אַ שטודיר טון, און איך בין דער חזן פון דער גרויסער שוהל — דאָס נעהם איך אויף מײַנע פלײצעס. אַי, איז דאָך די קשיה, װי קום איך, יונתן טעפּליקער, צו די דײַטשען? אדרבא, פּרובט מיר לײַהען שין קערבליך און לאָזט מיך מאַכען אַ ויברח. מײנט איהר, איך װאָלט עס נישט געמאַכט מיט רי״ש, צי מיט ק״ן צי גאָר מיט אַ הונדערטער? דער סוף פון דער מעשה איז, אַז אַזוי זיצט מען אָב די יאָהרען אין אַ װינקעל נעבען דער באָד... נאָר ניסי׳ן װאָלט איך געװאָלט הערען, צי קאַפּויר, ער זאָל הערען מײַן קול. איך װאָלט צו איהם געקומען און װאָלט איהם געזאָגט: רב ניסי לעב, הערט אַ טעפּליקער חזן זינגען! װאָס האָב איך מורא צו האָבען? פון אחינו בני ישראל איז ער אויך. און אַ יודיש קינד איז ער אויך. נאָר ער נעהמט אַכציג טויזענד רובל אַ יאָהר און איך זעקס קערבליך אַ װאָך. דער חלוק איז אפילו אַ גרויסער, אָבער װיל איך דען נתעשר װערען? צי װיל איך האָבען אַ סך געלד און טראָגען אַ גאָלדענעם זײגער און אַרויספאָהרען, װי דער אַפּטײקער? דאָס הײסט פאָהרען אין אַ ברישקע װילט זיך מיר יאָ אפילו, װאָרום דאָ איז דער קנאַק מיט׳ן בײַטש, איהר פערשטעהט, מ׳גיט זיך אַ זעץ אויבען אָן, און די פערד יאָגען און לויפען און געהען, װי אין סמיק... אַי יונתן, פערשאַרטער קבצן, װאוהין איז דײַן קוק? פרעגט מיך, צי האָב איך מײַן אײגענס פינף רובל, צי אפילו אַ דרײַערל, װאָס איך װאָלט בעדאַרפט אַזוי נויטיג האָבען — זײַט אַזוי גוט... פליעװאַט, לעבען זאָל דער מענש און האָבען אַ קול״.

.V

# ראובן פּעסי׳ס.

„איהר פרעגט מיך פון ראובנען, וואס איז געוואָרען פון ראובן פּעסי׳ס, דעם נגיד׳ס איידעם פון דער שטאָדט? גאָרנישט. תחלת האָט ער געדרעהט, און מ׳זאָגט גאָר — סע געגאַנגען גוט. דערנאָך האָט זיך צוריקגעדרעהט און ער האָט אָנגעהויבען פאַלען... דער שווער זיינער איז געשטאָרבען. פערקלאַפּט האָט מען תחלת די ציהרונג, דערנאָך די הייזער, אויסגעלאָזט האָט זיך אַלץ, און אַ תּל איז געוואָרען פון אַלעמען!"

„סע האָט שוין געהאַלטען ביי דעם, אַז סע נישט געווען ברויט אין שטוב, פון אַלע לעכער האָט געפּייפּט דער אָרימאַן. די קינדער האָבען אויסגעזועהען, אַז סע געווען אַ גאָטס רחמנות אויף זיי צו קוקען, און ראובן אַליין מיט זיין ווייב האָבען גע־האַט פּנים׳ער, ווי ווען זיי וואָלטען אויפגעשטאַנען פון אַ שלאַפ־קייט. עפּיס אַ קליינינקייט, אַז ביי אַ מענשען הערט אויף דאָס מזל, און וואָס דו טוסט און וואו דו ריהרסט דיך צו, געהט אַלץ קאַפּויר, האָטש נעהם עק דיך... מילא, פריהער האָט מען נאָך געדרעהט, געלאָפען, געבאָרגט, צעהן מאָל אויסגע־טריקענט דעם מח אַבי צו פערשטאָפּען אַ לאָך. אַציינד האָט דאָס אויך אויפגעהערט. ראובן איז ביי זיך אַזוי געפאַלען, אַז ער פּועל׳ט גאָר נישט ביי זיך, אַרויסגעהן אין מאַרק אַריין און זעהן עפּעס צו טון, אַז אַ מזומנ׳ער זעקסער איז נישטאָ ביי

דער נשמה, קיינער גלויבט איהם נישט און ס׳איז שוין אזוי — אז ער נאראיעט עמיצען א מסחר׳ל, מוז יענער אלץ צולעגען... אויפשטעהן אין דערפריה, און נישט וויסען, וואו נעהמט מען היינט אויף א גלאז וואסער, קומען אהיים ביינאכט און זיך לעגען שלאפען מיט א ליידיגען מאגען. רבונו של עולם! דו האסט א סך בעשעפענישען אויף דער וועלט און איטליכען גיסטו זיינס, פארוואס מוז דער אזוי פערוואלגערט זיין? גיב איהם א שטיקעל חיונה? וויל ער דען א סך? גיב איהם ברויט און זאלץ, קארטאפעל פאר די קינדער — דיין האנד איז גרויס.

טויזענד וועלטען געהערען דיר, און פאר דעם יודען, וואס איז א עהרליכער, דאווענט, היט אפ וואס דו האסט איהם געזאגט, — הז[illegible]ו גארניט!.. און גאט שווייגט, ער זעהט מענשען פאלען אויפ׳ן פנים, און שטארבען פאר הונגער און ער שווייגט"...

„איך זאג אייך, אז מ׳הויבט אן צו טראכטען פון זיינע דרכים, קען מען אליין אראבגעהן פונ׳ם דרך".

# VI.

## הינטער בלעך.

„וואס־זשע וויל מען האבען פון מיר? דרייצעהן מענשען מיט מיילער, מיט הענד און מיט פיס האבען זיך אנידערגע־זעצט אויף איינעמס קאפ, און אלע מוטשען זיי דעם אלטען טאטען און לאזען איהם נישט אבדעלען. אלץ הייסט דאס: גיב, גיב, גיב. גיב היינט, גיב מארגען, גיב אין דערפריה, גיב ביי־טאג. דער וויל דאס, און דער וויל יענס. א שוך, א טולופ, א קליידעל, א היטעל, א לעהרער, גלאט אזוי א דרייערל. דער האט זיך פערגלוסט שפיעלען קלאוויר, די וויל נאר לערנען טאנ־צען. געגעסען ווערט א פערמעגען. אלע וואך א היטעל צוקער, א פונט טיי. און די פליישען און פישען, און גלאט אזוי די קיך מיט די דיענסטען, און דא איז מען נאך נארניט יוצא. איטליכער האט טענות און איטליכער קריעגט נאך צו וועניג. איטליכער וויל, אז מען זאל נאר אין זין האבען: איהם און איהם נאכגעבען, איהם לאזען פאהרען אויפ׳ן וועלאסיפעד, ציי נעהמען א בילעט אין טעאטער אריין. א קלייניגקייט, היינט זענען זיי אלע פריצים, מ׳געהט זיך ארום מיט די שטעקליך, מיט די זיידענע זאנטיקעס און דאס טייסטערל איז קיינמאל נישט ליידיג... און ווער מוז אלץ געבען? איך, איך, דער טאטע. איך מוז מיר דארען דעם מח מיט כל המיני מסחרים און פסלנות און האבען טויזענד מאל עגמת נפש און שפיעלען דעם

נגיד . . . און זײ, וואָס פעהלט זײ ? דעם טאַטענס בײַטעל איז װי אַ קװאַל, וואָס טאָר נישט פערשטאָפּט װערען. געה פרוב און זאָג: נײן! געה פרוב און זאָג דער מאַדאַם דײַנער, מ׳זאָל נישט מאַכען דאָסמאָל דאָס זײַדען קלײד, צי נישט קויפען די שמאָכטע. איך פרוב און זאָג: טאָמער פאָהרט מען דאָס יאָהר נישט אין די בעדער ? שלעכטע צײַטען, איך בין איבערן קאָפּ פערבאָרען. װער הערט דיך און װער פרעגט בײַ דיר ? האָסטו גענומען דעם עול אויף דיר, טאָ, הײסט דאָס, טראָג און טראָג; רײַס אַראָב פון יענעם די הויט, נאָר גיב. אין פלוג בין איך דער שררה, און איך האָב די ביכער און דעם שליסעל צו דער אײַזערנער קאַסע און פיהר די מסחרים אויף מײַן נאָמען, איך קען יעדען צוזאָגען און אָבזאָגען און אויף דער בערזע בין איך אַ מאַכער, אין באַנק האָב איך אַ זשירע, און אַ התימה פון מיר איז װי פון קײסער—און באמת בין איך גאָר דער עבד כנעני, װי איהר זעהט מיך לעבען, און דיען בײַ זײ. האָרעװע אַלץ פאַר זײ און פאָהר אויף קאָנטראַקטען פאַר זײ. און קײנמאָל זיך נישט אויסשלאָפען און קײנמאָל זיך נישט אָברוהען. עפּעס אַ קלײניגקײַט, אַז זײ האָבען מיך געדונגען מיט מײַנע בײנער, אפילו מײַן נשמה געהערט זײ . . . וואָס מיר „סאָװיעסט", װער מיר יושר, צי געבען אַ טראַכט: דאָס איז מאום פאַר גאָט, דאָס טאָר מען נישט. אַזוי לעבט מען און מ׳איז דער גרויסער נגיד און מ׳קומט אָב אויף דער װעלט און אויף יענער װעלט. און אָט אַזוי זעהט עס אויס בײַ אונז אין האַרצען, וואָס מיר וואוינען הינטער בלעך"...

# VII.

## אַ שיינע וועלט.

— „פונ׳ם הימעל וואַרפט גאָט נישט אַראָפּ. אַז איך האָב אָבער פלאַץ, ווילט זיך מיר בויען אַ שטוב, נישט גלאַט אַזוי אַ יחנע מיט אַ שטר חצי זכר, אַז דער איידעם מיינער זאָל זיך אַליין קויפען די סלופעס, נאָר איך טאַקי אַליין וויל בויען אַ שטוב, מיט פענסטער און טירען, מיט אַ פאָדלאָגע און אַלע פיטשעווקעס. געלד האָב איך אפילו נישט, אָבער וואָס טויג מיר געלד? דערפאַר האָב איך אַ שכן יענקעל חיים׳ס. ער האָט אויך אַ פלאַץ, פון וואַנען קומט צו אַ הונט אַ פלאַץ, אָבער אַז ער האָט, האָט ער. בײַם רב, זאָגט ער, ליגט דער קנין. מיינער איז איינגעשריבען בײַם פריץ. ער מאָהנט מיך פון מי יודע וויפיעל דעם צינז. מילא, אַז דו האָסט נישט, בוי נישט. נאָר איינער, בויען וויל איך טאַקי יאָ, חאַצקעל פערלס בויט אויך, און האָט אויך נישט, הערשעלע קאָזאַק האַלט שוין בײַם דאַך און האָט נישט זיין איינענעם אַ פיאַטאַק, טאַקי יחיאל אַליין, וואָס גיט געלד אויף פראָצענט, איז אַ שטאַרקע סברה, אַז ער איז ערגעץ אַנדערש שולדיג, און יע־נער גביר כלומפערשט, וואָס לייהט איהם, האָט אויך שוין נישט איינמאָל אָנגעזעצט. אַזוי איז די וועלט געגליכען צו אַ דריי־דעל. אונזערע חכמים האָבען געזאָגט — נאָר ווייס איך נישט, וואָס זיי האָבען געזאָגט, גאָה געדענק דאָס. דער עיקר איז,

אַז איך ווייל מיר בּויעָן אַ שטוּב, און יענקעל דער שוֹטה, אויף מיר קוקענדיג, אויך. מילא, אַז דוּ ווילסט, חאַפּט דיך דער רוּח, ווער לאָזט דיך נישט? אַז ער זאָגט אָבער: איך יאָ, און דוּ נישט. זאָג איך: פאַרוואָס איך נישט, און דוּ יאָ? זאָגט ער, משומד איינער, דוּ ווערסט מיר פערשטעלען די פענסטער. האָט איהר געהערט אַ מעשה? ער האָט נאָך גאָרנישט און האָט שוין מוֹרא. — ס'איז אָבער אַריין אין אַנ'עקשנות, האָט זיך אָנגעהויבען אַ קריגעלע, זיין ווייב איז אַ מרשעת, מיינע איז אויך נישט פויל אויף די צייהנער. טאַטע, מאַמע! די תּוֹכחה, זאָג איך אייך, און אינ'ם הארצען ווייס איך אַליין נישט, ווער עס איז שלעכט, אָבער אַ פאָדלעץ איז ער פאָרט. וואָס ווייל ער האָבען פון מיר מיט זיין טיקאַלץ? זאָל איך נישט בּויען, ווייל ער האָט נישט קיין חשק, צי זאָל איך איהם געהן בּעטען מחילה, אַז מיין ווייבּ האָט זיך בּיינאַכט פערגנבֿ'עט, און האָט אויסגעגאָסען אַ צעבער וואַסער פאַר זיין טיר? אַז מען וואוינט נעבען אַזאַ מענשען, איז מען שוין נישט לייטען גלייך. איך וויל אייך דערצעהלען בּקיצור, ער האָט מיך געמסר'ט, אַז איך פערקויף גנבֿישען טיטון, איך איהם, אַז ער האָט קיין בּלע־טעל נישט. בּלבּולים, אָבער אַז עס איז אַריין אין אַ עקשנות. צדדים פון בּיידע זייטען: שמעיה, ראובן, גדליה, מענדעל, לייצי, רבקה און יענקעל פון מיהל זענען פון מיין זייט, יוחנן, קלמן, מוטה, סנדר און קאַצי קוצי — אויף זיין זייט; הויבען זיך אָן בּיים רב דין־תּוֹרות, און אַז ס'קומט צום פּסק־געלד, זאָג איך: רבּ משה, מיט'ן הונט איז נישטאָ וואָס צו רעדען. אַז די רביצין האָט רחמנות און גיט מיר אַ גלאָז טיי, בּין איך מיך מחיה. צוויי שעה כּסדר געשריען אויף אַלע כּלים, עפּעס אַ קליינינקייט. איך וויל נישט מאריך זיין, איהר מיינט, אַזוי גיך נעהמט עס אַנ'עק? מילא ער וויל גאָר נישט בּויען; אָבער איך וויל יאָ און בּוי אויך נישט. אַ שדוך טון מיט אַ מיידעל איז בּילליגער. קומט צו מיין בּעל־מחלוֹקת אַראָב אַ זוהן עפּעס אַ גאַנץ פריצ'ל, משה נאָז, אַזאַ חצוף, דערטאַפּט מיך אין קלויז און וויל פון מיר, אַז איך זאָל זיך מיט דעם דם־שונא מיינעם

משדך זײַן און זײַ, חתן כלה, אװעקגעבען דעם שותּפות׳דיגען פּלאַץ נדן. ביסטו משוגע צי מטורף, נאַ דיר אַ שװאַרץ יאָהר, װער רעדט פון שותּפות? מײַן װײַב שפּרינגט שיִער פון דער הויט. אַ רבּי איז אָראָבגעקומען אין שטאָדט אַרײַן און זאָגט: ס׳איז אַ זװג... איך װיל נישט הערען, דער סוף איז אַזױ געװען: מײַן טאָכטער האָט געמוזט נעמען זײַן זוהן. איך האָב מיך געשעמט אפילו אונטער דער חופּה. אַ דור איז דאָס, אַ שענע װעלט!"

# VIII.

## עסקים.

„אַז דער גאַנצער עסק איז בסך הכל ווערט אַ דרייערל. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ מין מענש? ער וויינט אויף מיין קאָפּ. די קאַפּאָטע האָב איך איהם געקוילעט? איך וויל איהם אַוועקנעהמען די שטוב, יאָ! פאַרוואָס־זשע וויל ער נישט בעצאָהלען, דער פאַרך? אפילו נישט ער איז מיר שולדיג, דער שוועער זיינער איז דאָס, אָבער ער האָט דאָך געגעבען דעם קוויט. וואָ־זשע מיינט ער? גלאַט נעהמען אַ פּען און חתמ'ענען זיך: אני החתום מטה שמעון בערל ברבי ראובן פּאַסטערנאַק, אַבי מיר פערשטופּען דאָס מויל? וואָס־זשע טו איך? איך דערלאַנג ביים סודיא. מע פרעגט מיך אויס, מע פרעגט איהם, עפּיס אַנ'אַדוואָקאַט זיינער, אַ משוגענער יונג, רופט מיך אַרויס און וויל אונז אויסגלייכען. טאָמער מיינט איהר ווי אַזוי? אַ מפלה אויף זיין פנים! איך זאָל דערווייל בעהאַלטען דעם קוויט און ער זאָל בלייבען זיצען אין מיין שטוב. אַז ער וועט זיך אמאָל אויסקראַצען און וועט האָבען פון חאַנען, וועט ער מיר בעצאָהלען"...

„וואָס־זשע מיינט איהר, איז געווען דער סוף? אַז מען האָט איהם פערסודיעט און עס איז געקומען צום איבערשרייבען די שטוב, שטעלט זיך אַרויס, אַז ס'איז גאָר נישטאָ קיין קנין אויף דער שטוב. מילא, אַז אַ יוד וויל נישט צאָהלען און

שרייבט אַלץ איבער אויפ'ן ווייבס נאָמען, איז דאָס בדרך הטבע, אָבער גזלן איינער, וועמעס שטוב איז דאָס? חאָטש געה שריי חי וקים. וואָס-זשע טו איך? אז סי יאָ נישטאָ קיין קנין, בין איך מיך מישב, דינג אַ מענשען אויפ'ן טאָג און הויב אָן אַרומצוגראָבען זיין פּלאַץ, וואָס איז נעבען מיין שטוב. אַציגד שרייט ער געוואַלד. אַ קצור—אַהין, אַהער, אַ געפּילדער, די גאַס איז אויף, מענשען לעגען זיך אַריין, מע געהט צום רב! אַ בּריה האָב איך? אז פרעמדע הענד האָבען מיר אויך נישט געהאָלפען".

„אָט דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה. גביות, עדות, טענות, איך שריי—אַ פּשרה! שרייט ער: ניין, אַנ'אמת'ן דין-תורה! וואָס-זשע איז די גדולה אויף דיר? מיינסט, איך האָב מורא פאַר דעם? לאָז זיין אַנ'אמת'ער דין-תורה. אָבער דאָס וויל איך: איינלעגען זאָל ער! וואָס-זשע זאָל איך איינלעגען, זאָגט ער, די נשמה מיינע? דיין ווייבס פערל זאָלסטו איינלעגען. אויסגעשאָסען אַ געלעכטער. אַ פייג וועל איך דיר געבען! איך וויל איהם פּאַטשען. דער רב לאָזט נישט, די רביצין שפּרינגט אַריין דער-שראָקען: וואָס איז געשעהן? גאָרניט איז געשעהן, אַ הונט איז ער, איך וויל איהם ווייזען, ווי אַזוי איך קאָן מיך נוקם זיין."

„מיין רב איז מיר אַ תמ'עוואַטער יוד און זאָגט: טשע-פּעט זיך אָב פון מיר און געהט צו בּוררים. מיט מיין בּורר בין איך כלומפּערשט אַ קנעפּעל. ער קומט צו מיר, אַז ער געהט פון דאַוונען, רעדען, דערווייל לייהט ער זיך בּיי מיר אַ פינפערל און דערנאָך אַ קערבעל. זיינער איז אַ שובענ'יק און אַ ממזר פון אַ יונג. שוין צוויי וואָכען, אַז ער דרעהט און דרעהט. איך בין טשיקאַווע, ווי אַזוי איך וועל אָבשניידען ביים פּסק, מאָטעל יחיאלס איז דער שליש. מיינט איהר, אַז סי נוצט מיר עפּים? אַז בסך הכל איז דער גאַנצער עסק נישט ווערט אַ דרייערל."

# אינהאלט

## סצענען און שפּיעלע.


I. שלום געוואָרען. (אַ בילד).

I. פֿאַר'ן בית-דין. (אַ צווייטעס בילד).

II. די שבועה. (אַ סצענע).

IV. די ירושה. (אַ צווייטע סצענע).

V. אַ נאָכמיטאָג בײַ'ם רב אין שטוב. (אַ בילד).

VI. די קניה. (אַ סצענע).

VII. דער שרוך. (אַ שמועס).

VIII. ברויט. (אַ בילד).


## שמועסען.


I. אויף אַ קאַטאָוועס און אויף דער אמת'ן,
אָדער אַ כלה מיט צוויי חתנים.

II. די קליינע השגה.

III. שדכנים.

IV. אַ גוטער ברידער.

V. ער וויל אַ חלק.

VI. קלאָרע דבורים.

## צווישען אײַגענע.


I. מיט מאָם.

II. אסתר בעריל׳ם.

III. מומער און טאָכטער.

VI. מיט׳ן אײדים.

V. צו דער שנור.

IV. מיט דער דיענסט.


---

## קלײנע מעשיות.


I. דער קדיש (אַ בילד).

II. דרײַ חדשים, אָדער דער עגמת־הנפש פון אַ יודען

III. בקשות, (נאָכדערצעהלט דעם בעל המעשה).

IV. סכסוכים. (אַ קרעכץ).

V. אָהן אַ שדכן. (פונקט נאָכדערצעהלט).

VI. זכות אבות, (אַ יוד פאַר זיך).

VII. אַ קניפעל (פון בעל-מעשה אַליין).


---

## חזיונות און אנדערס.


I. דערלעבט. (אַ מעשה).

II. דער חלום.

III. אַז ס׳רעדזיך.

IV. דער חון.

V. ראובן פעסים.

VI. הינטער בלעך.

VI. אַ שענע וועלט.

VIII. עסקים.



Academischer Verein für Jüdische Geschichte und ... zu Jurjew (Dorpat).